STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09245

MAYN NIGUN FUN LIBSHAFT UN TROYER

Eda Pupco

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מײַן ניגון פֿון ליבשאַפֿט און טרויער

(לידער און פּאָעמען)

איטע פּופּקאַ

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פֿון דעם בוך־קאָמיטעט

ניו־יאָרק — 1951

Copyright, 1951
by
EDA PUPCO
New York

דאָס שער־בלאַט — געצייכנט פון שאול ראַסקין

איך דאַנק דעם קאָמיטעט פאַר זיין בייטראָג, און דעם ערן־פאָרזיצער, אברהם רייזען — גאָר באַזונדערס, דעם פאָרזיצער פון קאָמיטעט, ד״ר אברהם אייסען, און דעם סעקרעטאַר, פינחס גראַובאַרד, וואָס דורך זייער מי איז דערמעגלעכט געוואָרן דאָס אַרויסגעבן פון בוך.

א. פּ.

Futuro Press, 476 Broadway, N. Y. 13

200

דעם אָנדענק

פון דער אומגעקומענער עדה,

פון מיין שטעטל, גאַנטשעשט, בעסאַראַביע,

דאָס בוך געהייליקט.

סע לעבט מיין שטעטל
אין האַרץ ביי מיר,
און ס׳איז פאַר מיינע אויגן
אין בילדער שטיין געבליבן,
ווי פאַרן חורבן
אין די ווייטע טעג פון פריער.
און ווי פון אַן אָפּגעברענטן פעלד
אַ פאַרבליבן ביימל, וואָס איינזאַם שטייט,
אַזוי טו איך דורך אייגענע סימנים
דערמאָנען דאָס אָרט פון מיין געבוירן, —
זיין אָקאָרשט בליענדיקן פּנים
און זיינע היימיש־אידישע וועגן,
וואָס גרויליק אַזוי,
האָבן מיר זיי אָנגעוואוירן...

איטע פּופּקאָ

I

בילדער פון מיין שטעטל פאר'ן חורבן

אָרט פון מיין געבוירן

אָרט פון מיין געבוירן —
פריידיקע יוגנט־טעג,
אויף מיין שווערן לעבנס־וועג
טריי דיין השפעה פאַרבליבן,
לאָז איך זיך ווי אַ קינד,
אויף דיינע וועגן פירן.

אָרט פון מיין געבוירן —
שטרעבונג, האָפנונג, גלויבן,
ווען פון צער געבויגן
און פון נויט פאַרשעמט,
האָט דיין קול מיך ניט פאַרלאָזט —
דיין קול האָט מיך דערהויבן...

אָרט פון מיין געבוירן —
ליבע יוגנט־טעג,
קען דען די זון פאַרגעסן ווערן
ווען דער טאָג פאַרגייט
און ס'באַשיינט די אָנקומענדיקע נאַכט
אַ קאַלטער, ווייטער שטערן ?...

אַ בעסאַראַבער בילד

א. ראַבאָיין אין אַנדענק

ס׳איז אַמאָל א שטיבעלע ווייס
געשטאַנען פון שטעטל גאַנץ אַרויס
און נאָענט צום ברייטן שליאַך.

אַרומגערינגלט פון דופטיקע סעדער,
געקוקט אויף גרינע פעלדער
און זיך געטוליעט צום הויכן באַרג;

אויפן באַרג — פון וויינגאָרטן די קוסטעס,
אונטן — דאָס שטיבעלע ווייס,
ווי אונטער אַ שירם אַ געקרויזטן;

אַרום פון ניס־ביימער אַזאַ גרינע וואַנט,
און שוין כמעט ביים טיר, אַ בלומען גאָרטן
געפלעגט פון אַ היימישער האַנט;

אויף די זויבער־ווייסע ווענט
האָבן די פענצטער־שויבן, ווי שוואַרצע אויגן
אויף דעם אַרום פאַרגאַפט געקוועלט...

אַנטקעגנאיבער אין דער ווייט,
פון גאָט אַליין געמאָלן,
איז געהאַנגען אַזאַ בילד:

בערג הויכע און בערג קליינע,
שפּיצן גרין און גאָלד אין זוניקער שיין...
און אַלץ אַראָפּ צו דער לאָנקע —
זייערע טענער — גרינער חן...

ווייט... העט... העט...
ציט זיך די לאָנקע אַוועק,
ביז וואַנען דאָס זילבערנע טייכל
פאַרשטעלט איר דעם וועג מיט אַ שמייכל...

אין מערב־זייט פון שליאַך, האָבן פּויערטעס
מיט זייערע פּלייסיקע הענט,
אויף פּעלדער'ס גרינעם געוואַנט
מיט פּיינסטע קאָלירן אויסגענייט געקעסטלטע אוזאָרן —

גרין־גאָלד דער ווייץ, און טונקעלער דער קאָרן,
העלער די טענער פון האָבער און גערשטן,
דער דינער, גרין־גרויער, דופּטיקער היי —
אַ גאַרטעלע שמאָלע שלענגלט אַרום זיי;

דער שלאַנקער, געקרויזטער מאַלאַי
רויטלט זיך אין שכנות דערביי;
דער טונקעלער, פאַרטראַכטער
קאַנאָפּליע להכעיס — צעשויבערט אַזוי,
שטייט דער געלער פּאַפּשוי...

און ווען הייסע מיטאָג שטראַלן
הויבן אָן אויף פּעלדער פאַלן —
רוקן זיך פאַמעלעך פון בערג צו דער לאַנקע,
ברוין־שוואַרצע געקרויזטע מאַסן,
און צווישן זיי אין מיטן — אַ פאַסטעכל אין ווייסן...

פון אונטער זיין שווערער, ווייסער הוט
שוואַרץ־זיידענע וואלן פאַנאַנדער פאַלן,
פון בריימן לעדער־גורט הענגט די דודע אַראָפּ,
און אין די אויגן צעשפּילט זיך אַ קינדערשע פרייד,
ווען ער זיין ווייסע לעמעלע דערזעט...

יאַר, 1937

ר׳ לייבס טעכטער

אַז מען פלעגט קוקן פון שטעטל
צום טאָל אַראָפּ,
פלעגן די אויגן זוכן
און זיך אָפּשטעלן דאָרט,

אויפן שטיבל זויבער־ווייסן,
וואו אויף בלויען לאַזור
האָבן, אַזוי־ווי געשוואומען,
יונגע געשטאַלטן פיר:

רייִנער הימל — די אויגן,
ווייסער צוויט — די הויט,
בלאָנדער זייד — די קעפּ,
און ווי אַ יוגנט־קרוין — די צעפּ...

זוניק־העלער זויבער —
די פּראַכט פון זייערע קליידער,
פריידיק רייִנע יוגנט —
די קראַפט פון זייער צויבער...

פון זיידענע סטרונעס
די זאַנפטיקע טענער —
דאָס איז געוועזן דאָס קול
פון יעדער איינער...

אַ ווייס־פרימאָרגנדיקע פרייד

ס׳האָבן היינט די ביימער
דעם פראָסט אַ שפּיצל
אָפּגעטאָן איבער נאַכט,
און אין פרימאָרגן אַרויסגעקומען
אויסגעפּוצט אין ווייסער פּראַכט...

ווי צום ערשטן מאַי אַ ווײַנשל־ביימל,
האָט דאָס קלענסטע זיך פאַרפּוצט,
און ווי מיט פרילינג־צוויט
האָבן אַלע צווייגלעך —
מיט ווייסע פליטערלעך געבליט...

לוסטיק שפּילן ביימער מיטן פראָסט,
און צו דער חתונה דער ווייסער
אויסגעצירט זיין גאַנצע קרוין
מיט פאַנטאַסטיש מזרח־קווייטן
האָט דער שלאַנקער טאָפּאָל־בוים...

אַזאַ פרימאָרגנדיקע פרייד,
האָט זיך פאַר מיין פאַר׳אבל׳ט אויג
מיט ברייטער לוסטיקייט צעשפּרייט...
און מיין בענקשאַפט אַוועקגעטראָגן
צו מיינע פולע, יונגע טעג, —

זע איך דאָרט אין יענער ווייטקייט,
יינגלעך, מיידלעך — לויפן מיט אַזויפיל לוסט
צו יענעם קליינעם טייכל,
וואָס פאַרן פראָסט האָט זיך פאַרטייעט,
נאָר אונדז גערופן מיט רייצנדיקן גלוסט...

אונ סע לאָזט זיך חברה דאָרטן וואוילגיין,
כאָטש בייסיק קושט דער פראָסט אין באַק...
ס׳פירט מיין יינגל דאָרט דאָס רעדל —
אונ האַנט אין האַנט, אויפן אייז,
ער מיט מיר — אין מיט פון ראָד...

איז וואו איז קעלט ? און ווען איז ווינטער ? —
ס׳האָט גאָר אין יענעם קאַלטן טאָג
אַ ליבער זומער אין מיין האַרצן זיך צעבליט,
אַלע שטראַלן פון פרילינג
אין מיין בלויען אויג צעגליט...

דערינערונג

מיין באָבע העניען — לזכרון

ווי דורך צווייגן באַזוניקטע
קוקן אַרויס מיינע גרינע,
קינדערשע טעג:

רונדיק טורעמט זיך דער ווייגאָרטן
אויבן אויף דער הייכקייט פון היגל,
און זיינע באַפּרוכפּערטע, גרינע קוסטעס
ציען זיך אין שערענגעס,
ווי לעמער געקרויזטע.

אָנגעגאָסענע מיטן נייגעבורט פון וויין
הענגען מיט האָפערדיקער פולקייט
די בורשטינענע קרענצלעך;
און זייערע טרויבן,
אויסגעקושטע פון טוי־פראָסט,
קוקן סודותדיק אַרויס
פון אונטער פאַררויטלטע בלעטלעך.

און פון אונטן — פון טאָל,
דעם הויף פון מיין קינדהייט,
הייבן זיך רחבות׳דיק די ניס־ביימער,
טוליען און תפילה׳דיק בייגן
זייערע געבלעטערטע קעפּ
צום באַרגיקן, אָפּגעהאַקטן ברעג.

און אַנטקעגנאיבער —
ביי דער היימיש־געמיטפולער טיר,
פלעגט זיצן ביים ספר מיין אַלטע באָבע העניע,

און — מיר דוכט, איך זע זי אויך אַצינד:
זי ווישט די בריל און זאָגט דערביי: —
„אַז איטעלע וועט לכבוד שבת קודש
פֿאַרענדיקן באָבע העניעס זאָק,
וועלן גוטע מזלות צו איר קומען
מיט דער השגחה פֿון גאָט...״

זיידיק־דין ליגט אויסגעקניפּט
אַרום דעם צניעות׳דיקן פּנים דאָס טיכל
און איר דורכזיכטיקע געשטאַלט —
ווי איינגערעמט אין אַ גרינעם היכל.

יענטעלע

אַזויפיל יאָרן, אַזויפיל טעג
זיינען פון יענעם באַגרינטן טאָג אַוועק,
נאָר דיך זע איך אויך היינט,
ווי אין יענעם ווייטן נעכטן:

די גילדיקע קרוין אין צעפּ פאַרפלאָכטן,
הייבט און טראָגט, און גיטיק וויגט
מיט יוגנט־זיכערקייט דער האַלדז געשניצטער,
וואָס טורעמט, ווי ראָז אין בלוי צעבליט...

די לאַכעדיקע, פּערלדיקע ציין, —
ווי לעמעלעך אַרום ברעג פון באַפרישנדיקן טייך
אויסגעשטרעקט די קעפּעלעך, די ווייסע —
זיינען פאַרוואונדערט געבליבן שטיין...

דאָס קלייד, דאָס בלויע, פּשוטע,
מיט ווייכער גראַציעזקייט
דיין שלאַנקע געשטאַלט,
ווי אַ קאַיאָריקייט הילט איין...

און דאָס אויג, דאָס בלויע דיינס,
מיט אַזאַ אָפענער ריינקייט
צו דער גרויסער, ברייטער וועלט
מיט גלויבן און אָפּפער קוקט...

און כאָטש אַזויפיל יאָרן,
אַזויפיל שוואַרצע טעג,
האָבן אונדז אַוועקגעטראָגן
פון יענעם באַפליגלטן וועג —

זע איך דיין גאַנצן וועזן
אין אַ בלויקייט געהילט ביז איצט...
און זע דיך אין יעדן פרימאָרגן,
ווען די יונגע, מילדע זון
דעם זאַרייענדיקן טאָג באַגריסט...

רבי יחיאל און ר׳ מענדיק

ביי אונדז אינעם בעסאַראַבער שטעטל,
פלעגט מענדיק, אונדזער וואַסער־פירער,
מיט אַ שמייכל זיך אַליין וויצלען:
גאָט ברוך־הוא האָט רבי יחיאלן
אַוועקגעזעצט אויף כסא־הרבנות
און צו אים אַזוי געזאָגט:

„לאַנג זיינען די טעג פון דער וואָך,
און שווער איז דעם אידן דער יאָך,
זאָל, חלילה, ניט גורם זיין די לאַסט,
אַז פאַרמאַכט זאָל ליגן מיין סידור...

באַלויכט, דו, זיי מיט מיין וואָרט
און מילדער די בייזקייט פון קריוודע."

און צו מיר האָט דער רבונו של עולם געזאָגט:
„איך וועל פון מיינע הימלען די וועלט פירן,
און דיך וועל איך זעצן אויף סאַקאַ,—" *)
אַז וואַסער זאָלסטו פירן צו מיינע יידן."

האָט מענדיק מיט ליבשאַפט גאָטס וואַסער געפירט
און מיט פּרטים און גענג
מיטן דיין אַליין זיך פאַרמאָסטן

הויך און שלאַנק איז אונדזער דיין ר׳ יחיאל געוועזן —
נאָך העכער, נאָך דינער רב מענדיק;

קוקן מיט גוטסקייט און חכמה הרב יחיאלס אויגן,
נאָר תמיד, זיין קאָפּ, ווי אַ זאַנג אַ פולע,
צו די ציטערדיקע טריט איז געבויגן;

---

*) סאקע־בעסאַראַבער דיאַלעקט א וואַסער־פאַס צוגעשמידט צו צוויי רעדער.

קוקן ר׳ מענדיקס אויגן בלויע — שטענדיק געהויבן,
און שמייכלען צו אַ יעדן מיט פּשטות און גלויבן;

געבענטשט מיט קינדערלעך
איז געווען אונדזער דיינ׳ס שטוב,
ווי אַ מילגרוים מיט קערנער.

כאָטש אָפט פלעגט הכנסה פאַרגעסן
וויפיל נפשות ס׳דאַרפן דאָרט עסן...

האָט אויך מענדיקן גאָט
מיט יורשים ניט פאַרפעלט —
און אין אָ שטיבעלע אָרעמע, האָט נויט
מיט די קינדערלעך קליינע געקנעלט...

נאָר פונעם טראָט דער קלאַנג,
און דער נוסח פון גאַנג
איז ביי בײדן פאַרשידן געווען:

און אַז ס׳פלעגט אַדורכציטערן די גאַס,
ווי אַ לולב אַ דינער, אונדזער דיין, רבי יחיאל —
קוים, קוים ס׳באַרירן די ערד די מעשטעס דינע,
קוים, קוים ווי בלעטלעך וואָס פאַלן,
צו הערן די טריט זיינע שטילע —

פלעגן קוקן פנימער פון פענצטער,
זיך שטרעקן קעפּ פון די טירן,
לויפן פראַגע־צייכנס נאָכן רבין —
וואוהין וועט דער טראָט זיינער פירן?...

נאָר אַז אַדורכגיין די גאַס
פלעגט אינמיטן פון אַ וואָכיקן טאָג,
מיט פאַמעלעכן טראָט, ר׳ מענדעק אַ בלאָסער,
און קרעכצן פלעגן זיינע שטיוול
מיט זוילן צעווייקטע פול וואַסער —

פלעגט פאַרחידושט דאָן קוקן
די גאַס פון „סאַקאָ״ און עגלה, —
די הינטערשטע, אָרעמע גאַס פון מיין שטעטל:

אַוואו איז טאַקאָ און דער סקריפּ פון איר רעדל?!
און ס׳פלעגן פאַרטרויערט פרעגן
אָרעמע טירן און פענצטערלעך קליינע:
שוין ווידער, חלילה, געטראָפן אַן אומגליק,
שוין ווידער געפאַלן זיין פערדל?...

צו מיין חבר

געהייליקט דעם אָנדענק פון הערשל בלאנק, ע״ה

חבר מיינער,
ס'האָבן די וועלן פון טויזנטער מײלן
צו מיר דיין קרעכץ דערטראָגן,
איז נאָך טונקעלער מיין טאָג געוואָרן
און אין אומעט מיינע מחשבות זיך טראָגן.

חבר מיינער,
איך זע דיך אויך היינט ווי אַמאָל,
אין די אסתר תענית אויפדערנאַכטן
אין מיין אַלטער היים אַ יינגעלע אַ קליין,
ווי דו ביסט געקומען לייענען מגילת־אסתר
און ביי דער טיר פאַרשעמט געבליבן שטיין.

און ווען דו ביסט פון אַלץ אַרויסגעוואקסן —
פון דעם פאַרשעמטן קינד און טרויעריקן אידן,
און האָסט מיט נייגער זיך אָנגעהויבן צירן,
און געלאָקט האָט דיך צו אַלע בונטע קאָלירן,
און צו אַלץ, וואָס אין דיין קינדהייט איז געוועזן
פון יענער זייט פאַרמאַכטע טירן,

האָב איך אין דיין רייכסטן פוץ
תמיד יענע אָרעמע קינד דערקענט,
און אַ רחמנות אין האַרצן געטראָגן
פאַר מיין חבר פון יענע קינדערשע יאָרן...

עס איז מיין גלויבן אויך דיינער געוועזן,
און דיין פאַרבענקטער טרויער
איז אויך מיר געווען באַקאַנט.

און ווען לעבנס שטאַרקע האַנט
האָט אונדז פאַרטראָגן
אויף פאַרשידענע קאַנטן פון וועלט,
זיינען מיר זיך אַלץ נאָענט געבליבן,
און נאָר פון שטרעקעס פאַרפרעמדט.

איז היינט, אַז די וועלן פון טויזנטער מיילן
האָבן צו מיר דיין גוסס׳ן ווי דערטראָגן,
האָט ער זיך מיט מיין צער צוזאַמענגעגאָסן
און דער קרעכץ פון דיינע אויסגעפייניקטע גלידער
וויינט אויך אין די שורות פון מיינע לידער...

מיין מזוזה

ס'איז אַמאָל געווען אַ שוועל
ביי אַ פּשוט, שטיל געצעלט,
וואָס האָט צו זיך גערופן
גייערס פון די וועגן,
אורחים פון דער וועלט.

ס'איז אַמאָל געווען אַ טיר —
האָט זיך, ווי אַ סוד אַ הייליקער,
די מזוזה געטוליעט צו איר,
שמע ישראל... שמע ישראל...
גערופן שטיל... גערופן
אין אַ פרעמדן חושך...

און אָנגעזאָגט אַ יעדן אידן
אין זיין שעה דערשראָקענער:
אָט איז אַ שטוב אַ אידישע,
און איר טיר — ברידערלעך־אָפענע,
פאַרבאָרגן, שטיל... טאָג ווי נאַכט,
פאַר דיין שטילסטן קלאַפּ דאָרט וואַכט...

ביי אונדז אין שטעטל

דער קלויסטער
מיטן העלן בלויען דאַך און צלם,
וואָס שפּיצט מיט גילדיק געל
צום בלויען הימל, —
שטייט יונג און האָפערדיק, און פריילעך...

און ווי דאָס שייגעצל
מיטן שמאָלן, לאַנגן קאָפּ
און העלע, געלע האָר,
וואָס האָפערדיק עס שטייט
פאַרן שטילן, קלוגן פּנים
פון באַיאָרטן גרייז, —

אַזוי געקוקט האָט קלויסטער פונעם באַרג
אויף אונדזער אַלטער שול,
וואָס איז געשטאַנען צווישן אָרעמקייט
דאָרט אונטן אינעם טאָל.

ס׳האָבן יאָרן איבער ווענט
טיף אָראָפּגערוקט איר דאַך;
די פאָרב די ברוינע־טונקעלע
איז פון צייט נאָך טונקעלער געוואָרן,

איז אונדזער אַלטע שול, ווי אַ יחסנ׳טע,
וואָס האָט איר אויסערלעכן גלאַנץ פאַרלוירן,
אין דמיונות טיף פאַרטראַכט געשטאַנען;
און ווי מיט שטילע, אַלץ־ווייסנדיקע אויגן,
געקוקט אויף אונדז
מיט אירע פאַרצייטיקע, געקעסטלטע שויבן.

אינעם קלויסטער, אין פּראַכט אין גילדיקער,
קוקן מאַדאָנעס הייליקע פון ווענט אַראָפּ —
זיי קוקן מיט אויגן אַראָפּגעלאָזטע,
און פּנימער וואונדערלעך־שיינע,
און סודותדיק די טאָגעס הילן זייער גוף,
נאָר מאָנאַ־ליזאַס הענטעלעך געטאָקטע, קליינע
שטרעקן זיך צום זון, צום הייליקן,
מיט עראָטיש־פאַרבאָרגענעם רוף...

פּשוט און טונקל זיינען, להבדיל, געווען,
די ווענט פון אונדזער אַלטער שול,
נאָר דורך אַ פענצטערל אַ קליינס
פלעגט פאַלן אַ העלער שטראַל
און ליכטיקן אויף דער מזרח־וואַנט,
וואו ס׳זיינען די עשרת הדברות געהאָנגען,
אויסגעפּערלט פון אַלטן סופר׳ס
פאַרכטיקער האַנט...

II

מײַן װעג

מיין וועג

בלויז און נאַקעט ליגט מיין וועג
פאַר מיינע אויגן אויסגעשטרעקט...
אַ גאָט, מיין גאָט, עס האָבן מיינע פיס
אויף שטיינער האַרטע נאָר געטראָטן —

וואָס־זשע לויכט אויף אים פון וייטן ?...
זיינען דאָס די שטיינער פון מיין וועג,
וואָס שפּאַלטן, שפּליטערן די שטראַלן,
ווען ס׳ע פאַנגט אָן די ליכט
אויף זייער האַרטקייט אַראָפּצופאַלן ?

עס ליגט פאַר מיר מיין וועג,
און איך ברעך צוזאַמען געבויגן
פאַר זיין אַנטבלויזטער נאַקעטקייט,
ווי ס׳לעשן, לאָזן זיך אַראָפּ די אויגן
פאַר דער קאַלטער שאַרף פון שווערד...

די שעה...

די שעה, וואָס האָט מיך צום לעבן געבראַכט,
האָט פאַר מיר אַ גורל אַזאַ פאַרטראַכט:

אין יוגנט — גרין, אין עלטער — גרוי
בלייבן זאָל איך — — — אַליין אַזוי...

און ווי ווינט און רעגן שניידן איין
זייער לשון אויפן פנים פון אַ שטיין,

אַזוי זאָל אויך די זאָרג און ווי פון דעם אָרום
זיך איינשניידן אין מיר מיט אַלע זייערע סמנים,

און מיין קול ווי ביים שטיין —
זאָל בלייבן איינגעקלעמט אין זיך אַליין...

מיינע וואָרצלען זאָלן ניט דערגרייכן ווייט —
און ניט געבענטשט מיט שניט זאָל זיין מיין צייט.

ווי אַ שטויבל זאָל איך זיך יאָגן,
פון אָרט צו אָרט זאָל ווינט מיך טראָגן...

וואו ס'איז ליב מיר — ניט דערלאַנגען,
אַלץ, וואָס טייער — בלויז פאַרלאַנגען...

און נאָר דאָרט זאָל איך פאַרבלייבן,
אַוואו דער שטורעם וועט פאַרטרייבן...

אויף קאַנאַדער פעלדער

וואונדערלעכע ברייטקייט,
נעם אַרום מיין עלנט,
אַזאַ מילדע רו ליגט
אין דיר געשפּרייט...

גלעט אויס,
פון מיין האַרץ די קאַרבן
מיט דיין בליענדיקער פרייד...
מיין פאַרנעפּלט אויג
מיט דיין ריינער לופט
וואַש אויס...

ס'פלאַטערט מיין האַרץ צעשראָקן,
ווי אַ פויגל אַ פאַרפאַלגטער,
און אויך ווי זיינע פליגל
קלאַפּט עס שטיל און בלוטיקט...

און פון דיר —
מיט בלויקייט קוקט אַרויס
דאָס נייגעבורט פון לעבן...
בענטש מיט דעם, באַרויִק
מיין צעשראָקן האַרץ...

1938

אַז איך בין צו הפקר און עלנט פאַראורטיילט

גוועוידמעט
באַריסן און טאַניען

אַז איך בין צו הפקר און עלנט פאַראורטיילט, —
האָב איך מיינע וועגן פאַרגעסן, פאַרלוירן
און גיי מיר דאָס לעבן פאַרביי,
און לאָז ניט פון טרויער און פריידן קיין שפּורן...

אַז איך בין צו הפקר און עלנט פאַראורטיילט, —
בין איך ווי אַ זעמדל פון שטויבן געוואָרן,
און איבער מיין לעבן פאַראיינזאַמט און שטום
מיך טראָגן הפקר'ע ווינטן אַרום...

***

אַז ס'רינגלט מיך די נאַכט
אין מיט פון העלן טאָג,
און מיין עלנט ביי מיין זייט
היט מיך אָפּ פון פרייד,

ווערן די פינגער פון מיין האַנט
בלעטער פאַרוויאַניעטע
פון אָפּגעהאַקטער צווייג...
און די פיס מיינע —
וואָרצלען אָן נאַרונג
אויף אַ פעלזיקן ברעג,
בלייבן הענגען פאַרשעמטע
אין מיטן פון מיין וועג...

אַ אידישע דינסט־מיידל

שווערע אַרבעט, לאָסט נישט לויט די כחות
האָבן אַלע נעגל מיינע איינגעבראָכן —
אויך מיט זיי שטיל האָט זיך
מיין שטאָלץ צעבראָכן.

בלעך און אייזן, טעפּ און מעסער
האָבן מיינע פינגער צעריסן,
קיין קול, קיין טרער האָט זיך ניט באַוויזן —
ס'האָט נאָר מיט זיי מיין נשמה צעריסן...

ניט לאָז אין גרויקייט שטיין

גורל מײַן,
שווין מיד בין איך אויף גרינער ערד
דער גרויער, גרויער שטויב צו זיין...

איך האָב געשטרעבט און האָב געהאָפט,
האָב געקעמפט און האָב געגלויבט, —
האָסטו אין מיר דאָס קול פאַרטויבט...

איז קום,
מיט שטורעם, פייער אין דיין האַנט,
עס מאַכט ניט אויס — צעברעך, פאַרברען,
נאָר לאָז ניט מער אין גרויקייט שטיין...

צו ב. ד״גאַי

די יוגנט קלאָגט, די יוגנט וויינט,
האָט איר קול מיין האַרץ דערגרייכט
און צו מיר אַזוי גערעדט:

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

ס׳האָבן מיינע הענט יונג און פלינק
זיך געצויגן צו פרייד פון גליק,

מיינע פיס שלאַנקע, שטאַרקע
געריסן האָבן זיך — דערגרייכן,
און דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט —
געוואָלט די פרייד פון געבן...

האָט מיך דיין רוט אומרחמנותדיק געשלאָגן,
און מיין יוגנט אין מיר דערשלאָגן —

די יוגנט וויינט, די יוגנט קלאָגט,
האָט איר קול מיין האַרץ דעריאָגט,
האָט איר קול געוויינט... געמאָנט...

קאַנאַדע, 1936

האָט צו אייך אַזוינס געטראָפן?

האָט צו אייך
אַמאָל געטראָפן?

אַז אַלע אברים
זאָלן בלייבן וואַך
אויף דער גאַנצער נאַכט?

אַז הענט
זאָלן זיך וואַרפן
גלייך ווי זיי וואָלטן פאַרמאָגן
מיט ווע׳ם זיך אַרומצוכאַפן,
ווען דעם גוף
אָן אומרו ברענט און ציט —
אַהין, וואו זיין בענקשאַפט ליגט...

האָט שוין צו אייך
אַזוינס געשען?

אַז קאַלטע ווענט
זאָלן זיך צעוויינען
מיט אייך אינאיינעם?

און דאָס געשיר און כלים
זאָלן זיך מיט אַ טרויער באַציען —
און נידערן צו אייך
אין אַ שבעה־קלאָג,
אָט אַזוי...
אין מיט פון העלן,
זונענדיקן טאָג?...

אומגליק מיינער

אומגליק מיינער, אומגליק,
האָסט אַלע מיינע גלייכע וועגן
צום לאַבירינט פון אומוועגן דערפירט,
פאַרוואַנדלט אין אַ טרויער־ניגון
דעם אָטעם פון מיין לעבן.

און מיט מיר איז נאָר פאַרבליבן
דער שטאָלץ אויף מיינע ליפּן...

אומגליק, שרייענדיקער אומגליק,
ס׳האָט דער שטאָלץ פון מיינע ליפּן
דיין געשריי געקלאַמערט און געשטיקט,
נאָר יעדע טרער מיינע פאַרשוויגענע
האָט וואונדיק מיך צעבריט...

אומגליק, קלאַגנדיקער אומגליק,
דאָס האָבן מיינע שטאָלצע ליפּן
דיין יאָמער אין מיר געצאַמט,
נאָר מיך געמאַכט צו זיין מגלגול
אין דיין שווייגנדיקער אויסטער־מושל.

ווען דו מיין שטייף יסורימדיק־האַרטער,
וואָס אין מיין צאַפּלדיק געביין
האָסטו זיך איינגעגעסן,
— בריעסט און פייניקסט
ביז צו פערלדיקער לויטער...

קאַנאַדע, 1937

איך פּאַק זיך

איך כאַפּ מיין האַרץ,
און דאָס ערשטע שיק אַהין...
ווי אַ פויגל אַ פאַרבענקטער,
קומט עס דאָרט צופליען...

וויל איך איינפּאַקן די פיס,
וויל איך איינפּאַקן די הענט —
רוקן זיך אָן שטיינער,
הייבן זיך אין צוימען
הייבן זיך אין ווענט...

בלייב איך שטיין אין מיטן פּאַקן
אָט אַזוי־ווי אַן אויסגעלאָכטע,
ווי אַ בעטלערין מיט אויסגעשטרעקטע הענט —
אין מיט פון טויזנט
צוימענדיקע ווענט...

דער ווייסער פויגל

פויגל מיינער, ווייסער,
אויף תמיד,
ניט פֿאַרלאָז מיין פענצטער...

אין שעה׳ען פון יאוש,
ווען איך קוק אַריבער
דעם ראַנד פון מיין טורם־וואַנט,

כאַפּן אויף מיינע אויגן
אויך דיינע ווייסע פליגל,
אַ יעדע פעדערל צעשפּרייט —
פליִען...
מיט אַזויפיל גלויבן גרייט...

איך לייען פון דיינע אויגן
די בענקשאַפט נאָך יענער הויך,
וואָס איז פון טורם־וואַנט —
נאָך העכער...

און פון יעדן ציטער פון דיין פעדער
דערהער איך אַ שטילן ענטפער —
דערגרייך...

1937

האָפענונג

אין מיט פון דאָרן־קראַנץ
האָט אַ ווייסע בלום געבליט,
כאָטש איר יעדע בלעטעלע צעשטאָכן
האָט די דאָרן־נאָדל און געבריט.

אָפט פלעג איך אויף איר
פאַרוואונדערט קוקן,
דעם סוד פון לעבן
אין איר בליאונג זוכן...

און ווען ס׳נענט דער טאָג צו שקיעה,
פלעג איך מיט אומרו זאָרגן,
צי וועט אין פרישן זייד, איר צאַרטער פעטאל
אויך באַגעגענען דעם מאָרגן?

נאָר אין יעדן אויפגייענדיקן טאָג
אין מיט פון שטעכיקן טאַנץ פון דאָרן־קראַנץ,
פלעג איך מיין ווייסע בלום געפינען
מיט בליאונג — קוקן צום באַגינען...

1937

פּאָרטרעט

ס'האָט זיך אין מיר אַ קינד צעוויינט,
ווען איינגעבראָכן מיין געמיט
האָט אַ בייזע צפון־קעלט...

ס'האָט זיך אין מיר אַ קינד צעלאַכט,
ווען אַ שטראַל האָט באַוויזן זיין צויבער־מאַכט —
אין מיר צום לעבן לוסט דערוואַכט.

און ווען הימל־בלוי האָט אויך פון מיין אויג
די בלויקייט פון אַמאָל אַרויסגעבראַכט —
האָבן זיך קינדער צוויי אויף מיין פּנים פאַרטראַכט —
אויף אַ פּנים, וואָס אַ שווערער גורל
האָט פריצייטיק אַלט געמאַכט...

אויף מיין צונג אַ שטיין

איך בין ניט אַליין —
תמיד מיט זיך...

נאָר וויל איך וואָס פרעגן —
ענטפערט ניט קיינער...

קלינגט אָפּ מיין יעדער אבר:
„תמיד מיט זיך — אַליין..."

און ס'הענגט מיט שווערקייט
יעדע פראַגע ניט געענטפערטע —
אויף מיין צונג אַ שטיין...

אינעם אַכסניא־צימער

אינעם אַכסניא־צימער מיינעם
קען איך ניט אַריינאָטעמען
די וואַרעמקייט פון היים...

איז פון יעדן ווינקל זיינעם,
וואו ס׳קוקן זיך אָן צוויי נאַקעטע ווענט,
כמורעט זיך טונקעלער אומעט
און עלנט שטרעקט זיינע דאַרע הענט.

טוליע איך זיך צו צאַצקעס פאַרבליבענע, —
מתנות פון חברטעס און פריינט,
פאַרהענג די קעלט פון פרעמדע ווענט
מיט אַלע זאַכן, וואָס טראָגן דעם באַריר
פון יענע טייערע הענט...

אפשר וועט זייער שפּילעוודיקע פאַרב
אָפּשרעקן דעם אומעט פון טרויעריקן טונקל,
וואָס קוקט צו מיר אַרויס
פון יעדן שאָטנדיקן, כמורנעם ווינקל ?...

אַנטשוויגענע טעג

ס׳ריידן שוין ניט מיינע טעג,
אַנטשוויגענע בייגן זיי צו שקיעה,
און איך האָב נאָך די שוועל
פון טיר ניט דערגרייכט...

צו דער מזוזה האָט זיך ערשט
מיין האַנט אויסגעשטרעקט,
מיינע ליפּן האָבן זיך נאָך
מיט דעם אָנריר ניט באַהעפט,

און איך פיל —
ס׳לעשן זיך שוין מיינע טעג
און פאַרנעפּלט ווערט דער צייכן
פון וועג...

שטיל איז די ליבע

א.

ווען איך און דו זיינען צוזאַמען —
אַנטלויפט די נויט,

ווייל ס'באַזעצט זיך אין מיין שטוב די פרייד,
מיט וועלכער איך, יעדן טראַט דיינעם באַגלייט.

איז ניט רעד פון נויט...

זי, די בייזע, האָט מיך שוין סיי־ווי־סיי
פאַרזאָרגט אויף מאָרגן
מיט אירע פאַרצווייגטע זאָרגן...

אָבער היינט האָב איך זי
פאַרבונדן אין אַ שטייפן בינטל —
און פאַרוואָרפן אין יענעם ווייטן ווינקל...

איז ניט קוק אַהין...

נאָר דעם יום־טוב פון דיינע רייד,
וואָס דו, מיין ליבער, אין מיין ווינקל שפרייטסט, —

שענק מיר, אויף אַלע מיינע טעג...

ב.

ס'האָט היינט אַ שטראַל
אין מיין צימער
זיך אַריינגעכאַפּט,
און מיט גינגאָלד געשפּילט
אויף מיינע ווענט...

האָט זיך מיר געדוכט,
דו ביסט צו מיר
צו גאַסט געקומען,
און דאָס שפּילן
דיינע פאַרביקע רייד...

ג.

אַז איך האָב געטראַכט
פון דיר,
האָט די זון מיט גאָלד
געשפּרייט דעם וועג
פאַר מיר...

און דער הימל
איבער מיין בענקשאַפט
איז אַ גלויביקער געהאַנגען...

האָב איך מיין קאָפּ
צום הימל געהויבן,
און דיך דערזען
אויף דאָרט, וואו דו —
ביסט נישטאָ...

ד.

מיין ליבע,
וואָס איז מיט אַ שמייכל
מיר געקומען אַנטקעגן
בייטאָג,

האָט מיינע
אויגן־דעקלעך
מיט אַ רואיקן שלאָף,
אַראָפּגעלאָזט
ביי דער נאַכט.

מיין ליבע,
וואָס האָט מיך
אין מיטן העלן טאָג
פאַרלאָזט,

קומט צו מיר
אין געדיכטער פינצטערניש
דורך לאַנגער נאַכט, —
שטעלט זיך ביי מיין זייט —
און וואַכט... וואַכט...

ה.

עס העלפט ניט, מיין ליבער,
דיין אַנטלויפן פון מיר,
סיי־ווי־סיי גיי איך אום
אַ גאַנצן טאָג מיט דיר...

אויך העלפט ניט
מיטן האַרץ דער שטרייט,
ס׳האָט דער גורל דיין נאָמען
איבער אַלץ פאַרשפּרייט.

און צווינג איך מיינע טריט
ווייט פון דיר צו שטיין, —
זוכט דיך נאָך מערער
מיין בענקשאַפט אַרום...
ביסטו מיין יום־טובדיק, רואיקער שבת,
און איך — פאַרוואָגלטע טעג פון דער וואָך,
וואָס לויפן... און לויפן דיר נאָך...

III

ניו יאָרק

רעפלעקסן אויפן ים

ס'איז מאַרץ, —

קוים אָפּגעגאַנגען דער שניי,
סע טראָגן נאָך די וואַסערן
דעם ווינטערדיקן ווײ.

איז אַ צעקנייטשטער פּנים
היינט דער ים...

מיט רוגזה בייזע צפון ווינטן,
דעם ים וואָס־עפּעס זאָגן —
פאַרלאָזן אים אַלע זיינע
שטיפערישע שפּורן...

איז ברוגז איצט דער ים —
קוקט צו יעדן מיט שטייפן, קאַלטן שטאָל,
און עס איז ניט צו דערקענען
די שפּילעוודיקייט פון שוימיקן אַמאָל...

ס'איז מאַי, —

מילד און לוסטיק איז די זון —
די לופט איז סאַמע לויטער...
מיט פולקייט אָנגעגאָסן
רוט דאָ אַלץ אַרום...

אַ שאָלטיק איז דער ים —
פון הימל איינגעשלונגען דעם גאַנצן בלוי,
און יינגלש זיך פאַרטייעט, אָט אַזוי,
דאָרטן שטילערהייט ביים ברעג,
כדי אַ פּוס, אַ מיידלשן, צו טאָן אַ גלעט...

יוני איז אַצינד, —

אַ יונגער בחור איז דער ים,
אַ חסיד, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען,
ווי מיידלש לייב איז שיין...

איז פאַרשכורט איצט דער ים, —
יאָגט ער נאָך אַ יעדער איינער,
און ס'איז איינע פאַר דער צווייטער שענער...

האַלדזט ער זיי מיט זיינע ווייכע כוואַליעס,
און טראָגט זיי אויף זיין גרינעם רוקן,
ווי פיל־קאָלירטע פישלעך־שופן.

ס'איז זומער, הייסער זומער, —

דער גאַנצער ברעג איז איצט אַ קראַנץ
פון בונטע פאַרביקע קאָלירן —
אויף די בענק און אויפן זאַמד
יוגנט שטיפט און קינדער שפּילן...

דאָס האָט דער ים־ברעג
קאָליריק זיך אַזוי צעבליט —
אים ענטפערט אָפּ דער ים צעשפּילט:
ער שפּריצט מיט קונצן אין דער לופט,
און צום ברעג מיט לוסטיקייט
ער רוישט... און רופט...

ניו יאָרק, 1948

ביי די ראָגן אויף בראָדוויי

אַ ריטם, אַ מוראדיק ווילדער,
וואָס יאָגט און צעיאָגט זיך
אַלץ שווינד און געשווינדער,
פּאַקט יעדן אַריין אין געדריי
ביי די ראָגן אויף בראָדוועי,

וואו אין ווירבל פאַרדרייט אין איילן פאַרכאַפּט
טראָגט זיך אַ קעפּיקע לאַווע,
איילט אָן אויפהער — שטעלט זיך ניט אָפּ...

אויף אַ ווייל, אַ מינוט — פאַרהאַלטן איז געשפּענסטער־געיעג,
ביז מיט רויט טוט אַ בליק —
און מעכטיקן ריטם ענטפערן ווידער אייליקע טריט...

און ניו־יאָרק בראָדוועי, טאַנצט אַ מענטשן געפּאַק —
אַזאַ ניו־יאָרק קאַדריל,
צום הונדערט מאָל הונדערטסטן טאַקט,
און מ׳דרייט דאָ, און מ׳דרייט דאָ אַ טאַנץ —
פון מענטשן געיעג, אַ פאַרפּלאָנטערטן קראַנץ...

דאָס האָט זיך די וועל ווידער צעברויזט...
ס׳האָט פריער נאָר איר גרינע, שטילע ליכט,
אויף אַ ווייל איר לויף אָפּגעשטעלט, —

אין געצוואונגענער רו געהאַלטן די לויפער געשפּאַנט,
נאָר שוין האָט אַ טויזענדיק ריטם פון טריט —
אויף שטיינער פון גאַס זיך ווידער צעשאַלט...

און צעשוימט האָט זיך ריזיקער שפּאַן,
איז פון רעכטס און פון לינקס — טוט אַ וואָרף זיך אַ ריס
אַ קייט, אַ געפּלאָנטער פון טויזנטער פיס...
ס׳פלעכטן זיך הענט, ס׳טוליען זיך לייבער
פון קינדער, פון מענער און ווייבער...

זיי לויפן געדריקט אַזוי איינער צום צווייטן,
גלייך ווי ס׳האָבן פון געדרענג די וועלן
צעריסן פון אַלע מחיצות די קייטן...

און זיי טראָגן זיך אַלע אַזוי נאָענט צוזאַמען.
ווי ס׳לויפן די כוואַליעס פון ברעגעס אויף קריק,
און רוישיק זיך איילן צו טיפקייט פון ימען...

אַ שיכּור

עס האָט זיך אַמאָל אַ מענטש פאַרבענקט
נאָך אַלץ, וואָס ער האָט ניט פאַרמאָגט,
נאָך אַלץ וואָס ער האָט געטרוימט, פאַרלאַנגט
און קיינמאָל דערגרייכט און קיינמאָל דערלאַנגט.

עס האָט זיך אַמאָל אַ מענטש פאַרבענקט
און זען האָט זיך אים געוואָלט,
דעם, וואָס זען האָט ער ניט געקאָנט
און נאָך אים געבענקט און זען אים געוואָלט.

האָט ער באַנג געשטרעקט זיינע הענט
צו גוטע מענטשן און וועלט,
ביז ס'האָט לייב און הענט צעבריט
אַ מוראדיק־בריענדיקע קעלט...

און אַז אַ טיר אַן אָפענע האָט מענטש דערזען,
האָט דער ברייטער שיין גערופן צו אים —
איז מענטש אַוועק אַהין, און בענקשאַפט, וואָס בריט,
געלאָשן מיט שוימיקן ווייַן...

נאָר ווען פון טיר אַרויס האָט מענטש געוואָלט,
האָט ער מער זיין וועג געפינען ניט געקאָנט,
האָט ער צו ווענט געשטרעקט, און געשטרעקט זיינע הענט,
געזוכט... און געזוכט זיין וועג, —

ביז אַ פראַגע־צייכן געפאַלענער
איז אויסגעשטרעקט געלעגן אויף שטומער ערד...

ס׳האָט מיך זייער גורל געצויגן

דערזען האָב איך קינדער,
ווי פייגל פאַרלאָזטע
אין קויט אויף די גאַסן,

פון מענטשנס, פון טאַטנס,
און אַפילו פון מאַמעס
אחריות פאַרלאָזן...

עס האָט מיך צו זיי
זייער גורל געצויגן,
האָב איך די פּנימלעך קליינע
געקושט מיט מיינע אויגן...

ביז ס׳האָבן אייגעלעך קינדערשע
פון אונטער דער שמוץ זיך צעבליצט:
און מיט שטראַלן פול פייער,
האָבן אויף מיר די שוואַרצענקע געשפּריצט...

די אייגעלעך ברוינינקע,
ווי אין סאַמעט פון טרוימען פאַרצויגן,
זיי האָבן אויף וואָס ווי געקלאָגט זיך פאַרשעמט,
ווי טאָפּאַזן מיר עפּעס פון טרויער דערציילט...

און אויגעלעך בלויע,
האָבן ווי טויבן געצערטלט, געגלעט,
און עפּעס פאַרטרויט מיר
מיט שטילן געבעט...

חג הבכורים

(יג סיון, תש״ח, צענטראַל־פּאַרק, ניו־יאָרק)

צעשטראַלטע
קינדערשע געזיכטער —
קוקן מיר אין פּנים,
לאָזן אויך אויף מיינעם
פריידיקע סמנים.

קינדערישע אויגן,
ווי גלי־קעפּערלעך אין קאָרן,
יובל׳דיק צעגליטע
בליצן היינט און פלאַמען...
צינדן אָן אַ יום־טוב
אויך אין אויג אין מיינעם...

קינדערישע פיסלעך
קלאַפּן אויס אַ האָראַ,
באַוועגן זיך די גופלעך,
ווי קערנדיקע זאַנגען —
טאַנצט מיין האַרץ אין ריטעם
מיט באַנייטער גבורה...
און טראָגט זיך נאָך די קלאַנגען
און פיבערט מיט דער שורה...

שיינט די זון אַנטקעגן,
שמייכלען ווייך די גראָזן,
וויגן זיך די צווייגלעך
ביי די גרינע וועגן,
און פריידיק זייערע בלעטלעך
היינט עפּעס־וואָס דערציילן
צו פּנימלעך צו קליינע
און צעשטראַלטע אויגן...

די שלום־עליכם קאָאָפּעראַטיווע הייזער

(3451 גיילס פּליים, בראָנקס, ניו־יאָרק)

אברהם רייזענינען — אין ליבשאַפט

וועז אַ טריבקייט טונקלט מיינע אויגן,
גיי איך פון מיין אַלקער אין דעם הויף אַרויס,
רעשטלעך פון אַמאָל זוך איך מיר דאָרט אויס, —
מאַמעס, וואָס טראָגן שטיל זייער גורל,
קלאָגן ניט פאַר קיינעם, ווייזן ניט קיין טרערן,
באַהאַלטן זייער ליידן אין די שטאָלצע ליפּן —
זיי וויסן ווי צו שווייגן...

גיי איך מיר ווייטער — — — — —
ווערט דאָס אויג מיינס פריידיק,
ווערט דאָס אויג מיינס לויטער...

עס קומען מיר אַנטקעגן קינדערלעך קליינע:
אַ שטיפעריש קעפּל באַשאָטן מיט רויטע גלעקלעך,
אַ קעפּל ווי אַ לילי, וויגט צווי בלאָנדע צעפּלעך,
אידישלעכע שוואַרצע קינדערישע אויגן,
ווי אַ מזרח־מעשה טרוימעריש פאַרהוילן...
און פון אַלע פּנימלעך, איינס אַליוו־ברוין
ווינקלט מיטן קעפּעלע, אַן עקזאָטישע קרוין,
די שוואַרצע האָר כוואַליען — אַ ברויזנדיקער ים,
און די אייגעלעך — סע שמייכלט אַ בלויער טרוים...

ווערט שוין מיין טריבקייט מיר ערגעץ פאַרלוירן...
און מיין וועזן מיין גאַנצער, ווי אַ קינד נייגעבוירן,
ציט זיך פאַרטרוילעך צו היימישע קלאַנגען,
וואָס איבער די פענצטער און טירן דאָ הענגען...

דאָס רויבערל

פֿאַר מײַנע קני —
אַ קעסטעלע
רואיק און פּאַמעלעך
וויגט זיך הין און צוריק.
ביט אויף גרינע וואַסער כוואַליעס,
ווי אויפֿן ניל אַמאָל,
נאָר אויף רעדעלעך, אויף קלײנינקע
פֿון גרויען, האַרטן שטאָל.

אין קעסטעלע —
אַ בינטעלע,
פֿון פֿיסעלעך, פֿון הענטעלעך
ליגט אויסגעפּוצט אין בלוי,
און ס'שמייכלען מיר צוויי אייגעלעך,
ווי צום ערשטן שטראַל
דאָס טראָפּנדל
פֿון ריינסטן טוי...

נאָר אָט, ווערט
מײַן בינטעלע —
אַ שרייערל און גאָר...
אַ פּיסקעלע — צוויי ליפּעלעך,
אויסגעשטרעקט — גיב 'הער,
אייגעלעך — צוויי רויבערלעך,
אָפּענער באַגער...
הענטעלעך — צען הוקעלעך —
כאַפּ!

און דאָס גאַנצע גופּעלע
בויגט זיך ווי אַ שוועמעלע, —
מאַמעס ברוסט עס זוכט.

נאָר אַז מאַמעשע, די גוטענקע,
איז היינט דערביי ניטאָ,
איז קיין מפּונק׳ל דאָס יינגעלע,
און כאַפּט זיך מיטן פלעשעלע
מיט הענטעלעך און פיסעלעך,
גוטברודעריש אַרום...

פ י י ז אַ ז ש

א

ס׳פאַלט פון הימל איצט
מיט ווייסע פליטערלעך
דער ווינטער,
און שפּרייט זיין בלענדיק־ווייסע קעלט
אויף שוואַרצער ערד.

שטייף אין ווינטער־צוים —
שטייט וועלט און רוים.

נאָר שטיפעריש די ביימער,
זיי ווייסן אויכעט איצטער
ווי זיך אין פּראַכט צו פּוצן,
און לאָזן אונדזער אויג
פון זייערע שיינקייטן געניסן.

זייער יעדן דריי און יעדן בויג —
קושט הימלס שטראַלנדיקע אויג...

ב

פאַרגאַנגען איז דער גילדיק־ווייסער טאָג,
ס׳איז ווידער איצט פרימאָרגן,
דער גאַנצער שטח —
איז איצט אַ ווייסע שול,
אַלע ביימער אין טליתים ווייסע אָנגעטאָן...

איך — אַ קינד,
גלויביק און דערשראָקן
פאַרוואונדערט שטיי...
ווי פינגער היימישע,
מיין פּנים גלעט אַ ווייכער שניי...

צוועלף זומערן

אויף עמוס׳לס פרישן קבר
16־טן מאַרט, 1939

צוועלף זומערן איז געווען עמוס׳ל,
האָבן טאַטע־מאַמע זיך געפרייט —
אַ ניי לעבן אין הויז ביי זיי
האָט זיך אויסגעשפּרייט...

האָבן געיובלט אויגן בלויע צוויי
מיט דער פרייד פון צוועלף זומערן...
האָט געקלונגען אַ געלעכטער דאָ
מיט דערוואַכונג פון צוועלף פרילינגען...

ווערט אַ שטוב אַ שטילע, אָרעמע,
פול מיט קלאַנגען פריידיקע...
ווערט אַ שטוב אַ גלאָק אַ זילבערנער,
און גיסט מיט טרערן קלינגענדע...

הערט ניט קיינער... הערט ניט קיינער...
ווי גיריק ס׳לויפט דער טויט —
און די פרייד פון צוועלף זומערן
ווערט פון שטוב פון אָרעמער באַרויבט...

וויינט דאָ... און וויינט אָפּגעהאַקטע ליבע,
שוואַרצע נעכט און לאַנגע יאוש־טעג...
ביז מיט נייע צווייגן זי וואַקסט אַרויס
איבער טאַטע־מאַמעס פאַר׳אבלטן ברעג,
און שפּרייט זיך... און שפּרייט זיך
איבער יעדן, יעדן אָרעמען פאַרלאָזטן קינד...

האַרבסט

עס פייפט דער ווינט
מיט בייזקייט,
און דעם הימל הילט
אַן אומעטיקע גרויקייט...

ס'זיפּט געדיכט אַ נעץ
פון קאַלטע טראָפּנדלעך
און טרענקט דאָס רעשטל קאָרן,
פאַרשפּעטיקט אויף די פעלדער.

ווי אַ שול
פון איר עדה פאַרלאָזט,
שטייט עלנט דער וואַלד,
און ווי די הענט
ביי אונדזערע מאַמעס
אין טעג פון פאַרלוסט,
אַראָפּגעלאָזט הענגען די צווייגן...

די שענסטע זאַך

בערטאַ און דר. יחיאל קלינג,
אַ מתנה

די שענסטע זאַך,
וואָס מענטש האָט פאַרטראַכט —
איז זיין „היים”, זיסע היים . . .

אין וואָס סע ליגט איר צויבער ?
אין וואָס סע ליגט איר זיסער חן ? —
אין איר פשוטסטער זאַך,
אין איר פשוטסטער זאַך :

אינעם טשאַיניק דעם פולן,
וואָס אויפן אויוון שטייט,
און מיטן גלאָז אויפן טיש
אַ דועט מיט פריילעכקייט פירט ;

אינעם דינעם רויש פון גלאָז,
וואָס זינגט אַ וואַרעמע ליד,
אַז באַלד... אָט־אָ באַלד, —
קומט די הייסענקע טיי,
ווען אויפן גאַס איז קאַלט,
און ס'פאַלט אַ טיפער שניי ;

אינעם צויבער פון היימיש געבעקס,
וואָס אין דעם טייג האָבן פרויען הענט
זייער ליבשאַפט אַריינגעלייגט...

אין ביכער, וואָס קוקן פון ווענט,
ווי אַ שטילע תפילה...
און יעדער יום־טוב פון אות
ווערט פון זיי געבענטשט ;

און ס'איז אין נס פונעם טיש,
פון פענצטער און טיר,
וואָס לאָזן איר פרייד
אַרויסקוקן פון איר...

און ס'איז אין איר כוח,
געבענטשטן כוח, —
וואָס היים'ס דינסטע ווענט,
ווייסן ווי איר טרער
צו האַלטן פאַרקלעמט...

פעברואַר, 1951

ברוכים הבאים

געסט, מיינע טייערע,
געוואויגענע, געמאָסטענע,
ניט מיט גאָלד
און ניט מיט
שיינעם וואָרט
אַפילו,
נאָר מיט טרערן
פון אַ פאָלק...

ס׳האָט אייער
יעדע אָפּגעזוכט קול,
אַרויסגערופן
פון טיפסטע פאַרבאָרגענישן
אַ פריידיקן קוואַל,
וואָס האָט נאָכגעיאָגט
דער טרער אין מיין אויג.

שארית־אידן מיינע,
דורך שוואַרצע נעכט
און לאַנגע לקוי־חמה טעג,
זייט איר, ווי דורך אַ נס,
מיט פלאַמיקן ליכט
אַרויסגעקומען,
און ליכט אונדז אָנגעצונדן
אויף אונדזער אבלות׳דיקן וועג...

איז וואו נאָר כ׳קען זען אייער פנים,
וואָס טראָגט פון אונדזער צער אַלע סמנים,
און וואו נאָר איך קען הערן אייער לעבעדיק וואָרט, —
אַהין טראָגט מיך מיין טרויער
און טייער ווערט מיר יענע אָרט...

אָלס באַגריסונג צו די שרייבער פון אונדזערע שארית, דעלעגאַטן צום קולטור־קאָנגרעס, ביי אן אויפנאַמע פאר זיי אין הויז פון די קלינגס, 30 סעפט., 1948.

אונדזערע באָבעס

א

ס׳רעדט מיין מאַמעניו אויף טשעכיש
און מיין טאַטע רעדט רומעניש,
נאָר מיין באָבעניו, זאָל לעבן,
רעדט צו מיר אויף אידיש.

ב

ס׳רעדט מיין מאַמע מיט שטאָלץ פראַנצויזיש
און מיין טאַטע רעדט צו מיר מיט ריינסטן פויליש,
נאָר מיין באָבעשע, זאָל לעבן,
וויל פון גאָרנישט וויסן,

מיט שמייכל האַרציקן, זי בעט מיך רעדן אידיש,
און ניט אויף פראַנצויזיש, נאָר אויף לשון קודש
זאָל איך מאַכן מיינע ברכות
ביי אירע יום־טוב׳דיקע טישן...

ג

ס׳רעדט מיין מאַמעלע צו מיר אויף רוסיש,
דער טאַטע, אַלע שוועסטער רעדן צו מיר ענגליש,
נאָר מיין באבעניו, זאָל לעבן,
רעדט צו מיר אויף אידיש.

ברוגזט זיך צו מאָל מיין מאַמע
און ס׳כעסן טאַקע זיך די שוועסטער, —
„צי וויל זי אים אַ שטריימל אָנטאָן,
צי אפשר אַ קאַפּאָטע?"
נאָר איך, עפּעס, דערפיל ערשט דעמאָלט,
ווי ס׳קלינגט איר אידיש וואָרט מיר
אי פון רוסיש, אי פון ענגליש
האַרציקער און צאַרטער...

ד

איך בין שוין איצט אַ גרויסער יינגל,
איך בין שוין אַ בר מצוה, —
ווײל איך דאָ אין שטילקייט עפּעס־וואָס אויסזאָגן:
מיינע שוועסטער און טאַטע־מאַמע
גלויבן ניט אין אות אין אידישן,
ניט אין אידיש לשון...

און פון יעדן טייטש און יעדן וואָרט,
וואָס לערנט מיך דעם מיין פון גאָט, —
לאַכן זיי... לאַכן אַלע אויפן קול...
פאַרקלעמט מיך עפּעס אַלץ אַזוי,
אַז איך ווײל אַזש וויינען...

נאָר מיין באָבעשע, זאָל לעבן,
קומט אַרויס פון איר אַלקערל דעם קליינעם
אין ווייסן טשיפּטשיקל און ראָק,
ווי אַ טויב, ביי מיין זייט זי זעצט זיך נעבן,
און מיט איר אידיש־תמימות׳דיקן וואָרט
זאָגט מיר אָן אויף אַלע מיינע יאָרן:

ס׳איז פאַראַן, מיין קינד, פאַראַן אַ כוח אַזאַ,
וואָס קיינער זעט ניט...
וואָס איז דער פייערפונק פון גוטסקייט
אויך ביי זעם, וואָס פון דעם ווייסט ניט,
און דאָס, מיין קינד, — הייסט גאָט...

מיין באָבעשע, זאָל לעבן...

אַ ליבעס־בריוועלע

איך בין מיט מיין בריוועלע געקומען,
פון מיין ליבשאַפט דיר צו זאָגן.

נאָר אויב, כדי דיך צו ליבן,
מוז איך אויך אין האַרצן טראָגן
האַס צו דיין עלטערער שוועסטער,

וועל איך אָט־אָ דאָ־אָ, פונעם אָנהייב —
מיין סוד פון האַרצן דיר אַרויסזאָגן :
איך בין פאַרליבט איןביידן...

איך זאָג, מיין ליבשאַפט, —
מ׳קען פון גורל ניט אַוועקגיין,

ס׳האָט גאָט געגעבן איר די בכורה
און געבענטשט מיט גרעסטן אָפּשטאַם־יחוס —
ווער קען זיך דען פאַרגלייכן ?...

פון יחסנ׳טע די שיינע מידות
און די חנ׳ען איר געגעבן,
וואוילגעקלאַנג — איר קול
און קורץ געמאָסטן אַ יעדעס וואָרט.

נאָר ליבסטע מיינע, אין מיין האַרצן —
פאַרנעמסטו דאָס ערשטע אָרט...

כ׳האָב ליב דיין היימישקייט, דיין פשטות,
און ווי דעם שמייכל מאַמעשן —
דיין נשמהדיקע גוטסקייט...

ס׳איז דיין האַרציקייט — דיין חן,
אַז אין פרעמדסטער ווייטקייט —
וואַרעמט אויס דיין קול פאַר מיר אַ היים...

און ווער קען דען דאָס פאַרגעסן,
דיין צאַרט וואָרט פון טרייסט
אין מיין שעה פון פּרואוו,
אין מיין מסירת־נפש׳דיקן וועג ?...

נאָר סע איז גאָט׳ס באַראָט געוועזן,
אַז די עלטערע זאָל הערצער
פון אומות באַהערשן,
און טראָגן די קרוין פון ישראל...

און די יינגערע, זי זאָל באַגלייטן
זיין שבט דעם צעשפּרייטן,
רימען מיט חסידות זיין נאָמען,

און אין צעשפּרייטקייט די היטערין צו זיין,
אַז ניט אָפּטאָן זאָלן זיך, חלילה, די חנ׳ען
פון ישראלס קול און פון זיין פּנים...

אַנדערש פון אַלע אַנדערע

אַנדערש פון אַלע אַנדערע זייט איר,
און ווי פאַרצייטן אין אונדזערע
גרויסע בראשית׳דיקע טעג,
גייט איר אויך איצט
אויף אַן אייגן אידיש־גורלדיקן וועג.

האָט איר די אַלטע קעניגלעכע הויפן
מיט הימנען ניט באַזונגען,
און די קעניגן די נייע
מיט אָדעס ניט גערימט.

אויך ניט פאַר זייערע דאַמען,
וואָס טראָגן זיך אַנטקעגן,
ווי געשניצטע וואַזעס מיט געטאָקטע הענט,
האָט איר אייער וואָרט געשליפן
און דאָס וואָרט דערקענט.

נאָר איר באַזינגט די שיינקייטן
פון אַ ווייטן עבר אונדז געגעבענע
און וועקט צו אויפלעבונג די רייכטימער,
דורך דורות אין אונדז פאַרבליבענע.

און פון אייער ערשטער שורה,
ביז צו אייער נייעסטן וואָרט,
קושט איר מיט ליבשאַפט הייסער
אונדזער אַלט־געפּרואווטן אות...

איז מיר גוט אַזוי,
וואָס אין מיין אייגענער נאַכט,
האָט אַ לויכטנדיקער פינגער מיך געפירט
צו דערקענען די געהייליקטע סודות
פון אונדזער אידיש ליד...

אויף אַן עלנטער מסיבה

שרה רייזען אַ מתנה

ס׳איז אַ מסיבה פאַר אַן עלנטן געווען,
האָט אויך צום טאָג פון זיין יום־טוב,
ניט געוואָלט זיך צעפלאַמען דאָס ליכט.

זיינען כמורנע אַרום טיש געזעסן די געסט,
ווי פייגל פאַרבלאָנדזשעטע
אין אַ פרעמדער נעסט.

נאָר ווען ס׳האָבן זיך צערעדט,
מיט אידישן ריטם, צוויי אידישע הענט,
אָט ווי ס׳פירן פלעמלעך פון ליכט
פרייטיק צו נאַכט איבער אידישע ווענט,

האָט זיך אַ וואַרעמע היימישקייט
צווישן פרעמדן און פרעמדן פאַרוועבט,
האָט זיך שבת איבער טיש געשפרייט...

פון זיך אַליין האָבן זיך צעפלאַמט די ליכט
און מיט יום־טוב אויפגעלויכטן
האָט אַ יעדנס געזיכט...

ניו־יאָרק, 1937

דערוואַרטונג

איך נעם אַרויס
אַלע מיינע זאַכן,
וואָס מיין אויג
מיט ליבשאַפט נעמט אַרום,

און איבער זאָרג,
און איבער קימער,
פאַרפוץ מיט ווייסן יום־טוב
יעדן ווינקל פון מיין צימער,

די גרויע נויט
פאַרבינד איך אין אַ בינטל,
און וואַרף אַריין
אין ווייטסטן ווינקל...

דעם העזה׳דיקן קאָפּ
פון לאַנגן, ביטערן אינדערוואָכן,
זאָג אָן: היינט היניע שטיל און שטום
אין יענעם ווינקל דאָרטן...

אויפן טיש מיט ווייסן אַרומגענומען
כיבוד רחבות׳דיק צעשטעל,
און גרייט זיך אַלץ אַזוי
מיינע געסט מיט ליבשאַפט צו עמפּפאַנגען,

מיט די אויגן —
צוויי בעטלער אויף דער טיר,
ביז דער טאָג
איז פאַרגאַנגען...

ניו־יאָרק, אַפּריל, 1947

אין אָנדענק פון טשאַרני טשעסין און עטל בראָדעצקי

א

אין גרויסן, פאַרהאַוועטן ניו־יאָרק
האָט טיפע, גרויע נויט,
צוויי געשטאַלטן ליכטיקע
פאַררוקט אין אַ טונקעלן, זייטיקן ווינקל.

נאָר ס׳האָט אויך דער גורל געוואָלט,
אַז זייער ליכטיקייט היימישע
זאָל זיי אינעם פינצטערן ווינקל באַגלייטן,
כדי ווי לייכטער שבתדיקע
זאָלן זיי אינעם גרויען אַרום
אַ יום־טוב׳דיקייט שפּרייטן...

ב

אַ יעדע זאַך אַרום זיי
האָט פון דחקות דערציילט,
מיט שטילע, פאַרשטיקטע רייד...
דאָך האָט פון יענעם ווינקל די טיר,
תמיד אַ יעדן אַריינגענומען
מיט לויטערער, זויבערער פרייד...

און אויף יענע געבויגענע אָרעמע ווענט
פלעגט ווי די שכינה קומען צוגיין
אַ יעדן פרייטיק צו נאַכט,
און מיט תמימות׳דיק אידישן חן
באַשיינען די באַלעבאָסטעס די צוויי,
פון יענער זייטיקער, אָרעמער נעסט,
און אויך באַלויכטן די פנימער,
פון די פאַרהערער, די געסט...

ג

איצט איז יענע טיר
שטום און אָפּגעשלאָסן...
נישטאָ מער די הייליקע לייכטער —
די ליכטער אויסגעלאָשן...

נאָר אויף מיינע ליפּן, —
איך טראָג תמיד די תפילה:
ניט אָפּגעשיידט פון מיר
זאָלן די צוויי פאַראַרעמטע ווערן,
נאָר שטיין זאָלן זיי פאַר מיינע אויגן
דאָס גאַנצע לעבן,
צו שטאַרקן מיין גאַנג
און לויטערן מיין גלויבן,
כדי די מדרגה פון מיין לעבן
זאָל אויך איך קענען פירן אויף זייערע
יסורים׳פולע, געלויטערטע וועגן...

ניו־יאָרק, ב׳ אדר, תש״ד

כ׳וועל סיי־ווי־סיי קומען צו דיר

רבקה׳ן מיט ליבשאַפט

אַז ס׳וועט מיך מיין נויט באַפאַלן,
און ווי די קרוין פון הירש
אין בייזן יאַגד געיאָגט,
וועט מיין מוט נידערפאַלן,
וועל איך סיי ווי סיי קומען צו דיר
און אָנקלאַפּן אין דיין טיר...

ניט זאַטקייט און ניט רייכטום
רופט מיך צו דיין טיר,
נאָר די ברייטקייט פון דיין האַרץ
און דיין חכמה וואונדערלעכע
וואָס רעדט מיט אַלע שיינקייטן צו מיר...

ניו־יאָרק, 1940

ס'איז היינט דער טאָג מיר גרוי

ס'האָט מיין חבר —
זיין חבר פֿאַרזען,
און מענטש האָט מענטש ניט דערזען, —
איז מיר אומעטיק אַזוי
און ס'איז היינט דער טאָג מיר גרוי...

כאָטש די שטראַלן שיינען העל,
ס'שימערירט די זון מיט גינגאָלד־געל,
און די בלומען, רייך מיט בשמים
מילד באַדעקט מיט פּערל־טוי...

נאָר מיר איז אומעטיק אַזוי,
און דער טאָג איז היינט מיר גרוי...

IV

לאַנד פון מיין ליבשאפט

לאַנד פון מיין ליבשאַפט

לאַנד פון מיין ליבשאַפט,
טאָג־טעגלעכן טרוים...
ניט באַשערט מיר געווען
צו קומען צו דיר
מיט די טעכטער, די יונגע,
צו באַשיינען דיין קרוין, —
די היגלען פון כרמל,
די בערג פון יהודה,
די בערג פון שומרון,
מיט בליט
און מיט בלום,
און געקרייזלטן בוים...

אויך ניט געקומען אין צייט
פאַר „חולה“, דער קראַנקער,
צו טראָגן אַ רפואה
אין מיין האַנט:
דעם עמער,
דעם ריסקל,
און פאַר דרענאַזש די רער.
צו פוצן איר פאַרוואָרלאָזטע קלייד,
און ווידער באַשיינען דאָס פנים
פון איר ערד,
מיט פלושיקן גרינס
און בשמיקער קווייט...

אָ, לאַנד פון מיין ליבשאַפט,
כאָטש ניט געטריקנט אין מיין אויג
האָט פון בענקשאַפט די טרער —
פאַרשפעטיקט געקומען,
מיט אַ לעבן צעפּאַטערט
אין שטויביקע טעג...

לאַנג מיר גענומען
צו ברעכן די צוימען
צו דיר אויפן וועג...

פאַר מיר פון די בעסאַראַבער לאַנען

פאַר מיר פון די בעסאַראַבער לאַנען,
איז אַזאַ ענלעכקייט פאַראַנען
אין דיין גאַנג און יעדער תנועה,
צו אַלץ וואָס האָט געלייגט דעם גרונט
פאַר מיין ליבע און מיט דיר מיין בונד...

אין די חנ׳ען פון דיין פּנים
רוט דאָס אויג מיינס,
ווי אין דער ליבשאַפט,
וואָס האָט מיין וויג אַרומגענומען;

אין דער רואיקייט פון דיינע קעמל־קאַראַוואַנען,
האָט אַזאַ היימישקייט געפונען
דאָס אויג, וואָס איז געוואוינט
צו דער געדולדיקייט פון אָקס אין שפּאַן,

און פון די פעלדער, וויינגערטנער און סעדער,
די וועגענער אָנגעלאָדענע מיט אַל־דאָס־גוטס,
וואָס פלעגן קומען רחבות׳דיק אַנטקעגן
אין שערענגעס לאַנגע אויף די וועגן;

די רינדער אויף דיינע דאַלינעס און לאַנקעס,
די לעמער אויף דיינע היגלען,
זיינען נאָך פון טאַטע־מאַמעס היים
מיינע בעסטע חברימלעך געווען...

און ווען דאָס אַלץ קומט איצט אויף דיינע וועגן,
ווי פון יענעם לעבן אַן עכאָ אַנטקעגן —
רייפט פאַרוואונדערט די פראַגע אויפן גומען:
פון וואַנען און מיט וואָס,
איז צו אונדז געקומען
דאָס אַל־דאָס־גוטס?

און פול מיט נחת, און פול מיט גדולה,
פאַרלויפט דעם וועג איר באַלד די תשובה:
פון די פינגער בלויזע, ריינע,
פון דער פריידיקייט דער יונגער,
וואָס געקומען איז פון הערצער
פון די גלויביקע און פולע...

פון די פינגער דינע, ווייסע,
וואָס געקושט האָבן די בייזקייט פון די שטיינער
מיט דער ליבשאַפט פון חסידות, —
האָט זיך צעפּראַלט דער שטומער מדבר,
און די מאַמע־ערד, די ליבע,
פּראַוועט איצטער אירע סעודות...

איך האָב פאַרביטן...

דער חלוצה, חיהלע בלעך,
מיט ליבשאַפט געווידמעט

איך האָב פאַרביטן
פון וואַלס דעם שטילן ריטם,
און פון עראָטישן דזשעז דעם שפּרונג —
פאַר דעם עקשנות׳דיקן טראָפּ
פון האָראַ־רינג...

כ׳האָב אויסגעטאָן
מיין יום־טובדיקן דראַפּיר פון וואואַל
און מיין קלייד פון ווייכן זיידן, —
ס׳וועלן איצט מיין שבת׳דיקע חלוצה־קלייד
באַפּוצן די בליטן פון אויפגעלעבטע בייטן...

כ׳האָב אָפּגעוואַשן
די שמינקע פון מיין פּנים,
און פון מיינע נעגל דעם מאַניקיור דעם רויטן, —
איצט וועלן פרישע ווינטן און שטראַלנדיקע זון
מיט חנ׳עווידיקן טונקל באַדעקן מיינע צאַרטע הויטן...

כ׳האָב פאַרלאָזט
מיין ווייכן אָפיס־בענקל,
כדי מיט שווערער הכשרה צו פּרוּוון מיין גייסט און גוף.
אַלע באַקוועמלעכקייטן אָפּגעגעבן אַ צווייטער,
וואָס האָט נאָך ניט דערהערט דעם רוף...

תקיעה־שאַלונג

דוד פינסקין מיט גרויס פאַרהערונג,
צו זיין אָפּפאָר קיין מדינת ישראל

„שטרעק אויס דיין שטאַרקע האַנט
צו מיר,
פון איבער ווייטקייטן און ימען,
אין מיין מידיקייט און אין מיין שעה
פון וויי,
קלאַפּ מיט דרייסטער יוגנט
מיר אין טיר,
אַז אויך איך זאָל ניט פאַרזאַמען...

איך האָב זיך איצט נאָר
אויף אַ ווײַלע,
ווי אַ דאָרנדיק געוויקס,
צונויפגעדרייט, צונויפגעקרעמפּט
פאַרן פּנים
פון אַ ברענענדיקן פייער...
און קיין טראָפּן
פון דערפרישונג אין דער לופט.

ווענד איך,
אויפן וועג צו דיר,
לאַנד פון מיין לאַנגער ליבשאַפט,
מיין גרויסע תקיעה שאַלונג:
זיי דו,
מיין קוואַל, מיין טויאיקער
אין די טיפקייטן ביי מיינע וואָרצלען,
וויקל מיך פאַנאַנדער מיט דערפרישונג,
ברענג אַרויס מיין בליט פאַרבאָרגענע
צום לעבן...
און טראָג מיין שונא, דעם פאַרגאַפטן, —
מיין וואונדער־נס אַנטקעגן..."

פאַרוואָס איך האָב דיך אַזוי ליב

ס׳האָט די שטילע ערלעכקייט
פון דיין שוואַרצן פּנים ערד —
מיין טרויער באַגעגנט;

ס׳האָט די האַנט פול פּשטות
פון דיין געטרייען פויער —
מיין עלנט אַרומגענומען;

און די פינגער מיינע,
וואָס האָבן גאָרניט מער פאַרמאָגט
אַרומצונעמען ווען,

האָבן פינגער קנאָכיקע
פון דיין האָרעפּאַשנעם בויער
איינגעקלאַמערט,

און ביידנס הענט
האָבן מיך געפירט
צו מיין וויטערדיקן דויער...

האָב איך מיין קאָפּ אבלות׳דיקן
צו דיינע טיפקייטן געבויגן,
און דיר פאַרטרויט די שרעק
פון מיינע אויסגעוויינטע אויגן,

און ס׳איז פאַר מיין פּנים אויפגעגאַנגען
אַ גאָלדענע תבואה,
צעוויגט מיטן ניגון פון כוואַליעדיקע זאַנגען,
און אַנטקעגנגעטראָגן מיין נאַקעטקייט און נויט
די טרייסט פון קערנדיקער זריעה
און די זיסקייט פון היימישן ברויט..

ביי אירע שוועלן

א

כ'האָב פאַרזוכט אַלע טעמ'ען פון נויט,
און געבריט מיין יעדן אבר
האָט דאַרנדיקע נאַקעטקייט פון עלנט.

כ'האָב געגליט מיטן צער פון פאַרלוסט,
האָט בענקשאַפט פאַרצערט מיין יעדע צעל,
און איבער ליכטיקע רעיונות
שיפרירט מיט איר גיפטיקן געל...

און פון ווייטע ווייטקייטן —
האָט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט
מיט שווערקייט שטיינערנער
מיך פאַרהאַלטן אין מיין גאַנג.

האָבן זיך געלאָשן יאָרן און טעג
אינצווישן אייזערנע רינגען
פון ביטערער גורלדיקייט...

ב

איך לאָז זיך איצט ווידער אויפן וועג
מיט פאַרשעמטע, פאַרשפעטיקטע טריט
מיין ליבשאַפט אַנטקעגן,

נאָר אויסרופן וועל איך זיך ניט דערוועגן,
אָט בין איך דאָ, אָט בין איך געקומען !...
ווייל איך טראָג איר מער ניט
מיין יוגנט און די בליאונג פון מיין פנים.

ס'האָט נאָר מיין מאָנענדיקע בענקשאַפט
מיך באַשאָנקען איצט מיט מתנות צוויי, —
מיין האַרץ — פול געבעט געלייטערטן,
און מיינע פינגער — מיט ליבשאַפט
אָנגעצונדענע צען ליכט...

צי וועט מיין לעבנס אויסדערוויילטער
דאָס אַלץ וואוילגעפעלן ?
צי וועט מיין אַלטע ליבע
ווידער מיך דערקענען ? —

איך וועל זיך געדולדיק שטעלן
ביי אירע שוועלן...

ווען מיין האַרץ וועט זיך אין פרייד טרענקען...

ווען פון מיין האַרץ די פרייד
ווי פון אַ בעכער, וועט אַריבערפליסן,
און דאָס האַרץ מיט פרייד פאַרגאָסן
וועט זיך אין פרייד דערטרינקען, —

ברידער מיינע, לעבן מיר נאָר אויף אַ ווײַלע
שטיל אַזוי... זאָלט איר בלייבן שטיין, —
אין דער לעצטער רגע פון מיין נחמה
דאָס האַרץ דערטרונקענע פאַרשטיין...

און פון מיין שטילשווייגן דאָס קול,
זאָל אייך ביזן האַרץ דערגרייכן —
און זיך איינקריצן, ווי אַ מאָנענדיקער צייכן...

אויף דעם גרויסן שליאַך פון לעבן
בין איך געטראָטן פאַרעלנט און אַליין, —
זאָל אויך מיין בית־הקברות זיין,
ניט דער בית־עולם פון משפחות,

נאָר איינזאַם און אַליין,
זאָל אויך מיין קבר
אויף אַ שליאַך אַ וויטן שטיין.

פאַרפלאַנצן זאָלט איר אַרום מיין קבר
באַריידעוודיקע עקאַליפּטוס־ביימער,
ס'קען זיין, אַז אַ חלוץ אַ מידער
פון אַ קבוצה וויט פאַרוואָרפן,

וועט פאַרבייגיין אין די זומער־היצן
און זוכן וועט ער אויף אַ ווײַלע רו,
טאָ זאָל מיין גרינער קבר דעמאָלט
אים דינען פאַר דער שטילער שעה...

V

לקוי־חמה יאָרן

אַ ברייענדיקע לאַווע איז מיר די גאַנצע וועלט

געלער פּליאַם אויף געבויגענעם רוקן,
האָסט אָנגעצונדן מיט בראַנד מיין אידישן גוף,
די נאַכט פאַרוואַנדלט אין אַנגסטיקע ראַנגלענישן
און אָפּגעטאָן פון מיין אויג האָסטו מיין שלאָף...

געלער פּליאַם, האָסט מיך מיט אַנגסטן אָנגעצונדן,
מיט פיבער־טם, דיין געלקייט, האָט אַלץ פאַר מיר פאַרשטעלט,
פאַר יום־טובדיקער סביבה די פרייד פון מיר פאַרטריבן,
און אַ ברייענדיקע לאַווע איז מיר איצט די גאַנצע וועלט...

מיין געמיט איז אַ חושכ׳דיק געמיש,
און טויט־הונגער — די פאַרצוקנדיקע חיה,
קוקט צו מיר פון גאַטס רייך־געשפרייטן טיש...

פון אַ יעדן ווינקל, און פון העל באַלויכטענעם זאַל,
קוקט צו מיר אַן אויסגעצערטע געשטאַלט —
געבויגן און געוויקלט אין שוואַרצן שאַל,

פייניקט מיך און בריט, ווי פאַרצערנדיקער פלאַם,
אויף זיין ברוסט, און אויף זיין רוקן,
אונדזער שרפה־צייכן — דער געלער פּליאַם...

אויסגעלאָשן אַלע ליכטער . . . חושכ׳דיקע נאַכט . . .
ביי די שויבן פון מיין פענצטער, אויגן פיבערדיקע,
וואָס האָט אייך דאָ אַהער, אין דער שפּעטער שעה געבראַכט ?...

פעברואַר, 1940

פאַרוואַנדל מיך אין דיין דינינקן גרעזל

גאָט פון ישעיה, ירמיה און עמוס,
דורך דעם גורל, וואָס דו האָסט מיר געגעבן,
האָב איך דיינע סודות צוויי הייליקע דערקענט, —
געלויטערטן צער און געפייניקטע פרייד...
נאָר ניט געבענטשט האָסטו מיינע רייד
מיטן שטילן כוח, וואָס הייבט אַלעמענס הענט —
אין איין תפילה׳דיקן, לויטערן על־חטא...
און צוגענומען האָסטו פון מיין אויג דעם פונק,
וואָס צינדט אין אכזר׳ס האַרץ די וואונד,
פון ניט־היילבאַרער חרטה...

שטיי איך איצט פאַר דיר און בעט:
בורא, פול רחמים,
פאַרוואַנדל מיין וועזן
אין דיין דינינקן גרעזל,
וואָס געפינט זיין אָרט
אויף דעם זייטיקסטן שטעג,
פון געדיכטן, וואַלדיקן געוועב,
וואו זעלטן ווען פאַלט
דיין וואַרעמער שטראַל,
און ס׳באַלויכט ניט
דעם חושך
קיין שמייכל...

1945

ס'הוליעט דער טאָג מיט פרעמדן יום־טוב

אין טאָג פון 1טן מאַי, 1945

ס'האָבן היינט בלויע קינדער־שיכלעך
אין אַ פענצטער העל באַלויכטן,
מיין אויג צוגערופן,
און ווי צוגעשמידט בין איך ביים פענצטער
שטיין געבליבן,
נאָר ניט מיט פרייד באַלויכטן
האָט מיין פּנים די בלויע אומשולד, —

ס'האָט באַלד אַ געדיכטער נעפּל,
איבער בלויקייט זיך פאַרצויגן,
און איבער אויסגעפּוצטן פענצטער
האָבן זיך בערג אַזוינע מורא'דיק געצויגן, —
בערג פון בלויע קינדער־שיכלעך,
פון די פאַרברענטע קינדער־פיסלעך,
וואָס אַ כּוח אַזאַ האָט זיי,
אָט־אָ, דאָ, פאַר מיינע אויגן,
אין שוואַרצע בערג פון אומקום אויפגעהויבן...

און איך שטיי אַזוי פאַרלוירן
ביי דעם פענצטער אויסגעפּוצטן,
ווי ביי אַ קבר אַ באַגלאָזטן,
און אין דעם טאָג פון וייסן צווייט,
שטיי איך אין שוואַרצן טרויער איינגעהילט...
און די שׂרפה פון מיין פרייד
יאָגט נאָך אַלע מיינע טריט...

אָ, זאָג מיר, שטן, זאָג?

(צום יאָרצייט־טאָג פון מיין חרובן שטעטעלע, גאַנטשעשט,
בעסאַראַביע, אין טאָג פון תשעה באב, 1947)

א

אָ, זאָג מיר, שטן, זאָג!
דאָרטן,
וואו דער גרינער טאָל
האַלדזט דאָס קליינע טייכל
און לייגט זיך אויס
מיט ווייכקייט גראָזיקער פון שעס*)
ביי די נאַקעטע פיס
פון פאַרטראַכטע בערג,
גייט אַלץ נאָך אויף די זון?
און מיט גליאיק רויטן־צונטער
זאָגט זי ווידער אָן, —
דער זומער קומט?...

ס'האָבן זיך די צווייגן שוין צעשיידט
מיט זייער נאַקעטקייט,
און מיט שעמעוודיקייט מיידלשער
דאָס גרינע זומער־קלייד
אויף זיך אַרויפגעטאָן...
— דאָס קליינע בלעטל פאַרטאַיעט הענגט,
אין שליחות סודות'דיקער פאַרטאָן...

אָ, זאָג מיר, זאָג!
די איינגעהאַלטענע פרייד
פון טראָגעדיקער פולקייט,
און פון נייגעבורט דעם ציטער,
נאָך אַלץ ווער
אין דער טיפער שטילעניש דאָרט הערט?...

---

*) שעס — אַ פּאַשע־פעלד.

ב

ס'טוט גאָט מיט זיינע שיינקייטן
אַלץ רינגלען, און רחבות שפּרייט
איבער די וואונדן
פון זיין געפּלאָגטער ערד...
נאָר מיך... מיך בריט נאָך מער
מיין קדיש־טרער...

און בשעת איך האָב מיט מיינע הענט פאַרבראָכן,
האָט זיך אין מיר עפּעס איבערגעבראָכן —
דער טיפער שראַם צעשפּליטערט מיין יעדע פרייד,
אַ שאָטן טונקעלער — יעדע ליכטיקייט באַגלייט...

צום הייליקן יאָרצייט

נאָך מיין שטעטעלע גאַנטשעשט, בעסאַראַביע,
אין טאָג פון תשעה באב, תש״י

ס׳העלט דער זומער־טאָג צעבליט
און אַלץ טוט זיך ציען צו זוניקער ליכט.

זינגען פעלדער פון באַלעבונג אַ ניגון,
און וועלדער מיט טונקעלער גרינקייט באַצויגן
דאַוונען פאַרטראַכט און שיר המעלות זאָגן
פאַר יעדן געבורט, וואָס זייערעביימער טראָגן.

און יעדעס ביימל מיט טויזנטער בלעטלדיקע אויגן
הייבט זיינע צווייגן צום בורא עולם,
און זינגט אַזוי שטיל און ביחידות
מיט גרינקייט באַנייטער, אַ ניגון פון תהילים...

נאָר איך אַליין שטיי דאָ פרעמד און פאַרעלנט,
אין דעם יום־טוב פון ליכט און באַלעבונג.

און ס׳רוימט מיר וואָר שטיל, פאַרפאַלן... פאַרפאַלן...
ס׳וועלן שוין די ליכטיקסטע שטראַלן
פון שבעה־טרויער מער ניט אויפהייבן
דיין געזונקענע פרייד...

און איצט, ווען איך לייג
מיין טרויער־קראַנץ פון ווערטער
אויף דער הייליקער מצבה,
פון די יורשים שטעטלשע נאָך ניט אויפגעשטעלטער,

פיל איך אין דער טיפעניש אין מיר —
עפּעס קייכט און לעשט זיך, און פאַרגייט...

טראַנסדניסטריע

(צום צענטן יאָרצייט פון אידישן חורבן אין בעסאַראַביע)

איך בין מיט אייגן לייב און לעבן
אינעם טאָל פון טויט און גרויל ניט געווען,
און מיט קיין איין און איינציק טרויער וואָרט
טוט קיינער ניט דערמאָנען יענע אָרט...

נאָר פון אַלע פרעמדע נעמען פון די ערטער,
וואָס אויף אונדזער צונג און ספרים־בלעטער
וועלן זיי אויף תמיד זיין
פון גרויל די אויסדרוקס־ווערטער,
קוקט צו מיר, „טראַנסדניסטריע", דער נאָמען,
וואָס ברענט מיטן ברי פון אומקום־פלאַם
פון אונדזער, גרויליק פאַרשניטענעם,
אידיש־בעסאַראַבער, יונגען שטאַם...

איז היינט, אין דעם יאָרצייט־טאָג,
צו זיך אַליין איך זאָג:
האָרץ מיינס, האַרץ, האַלט אויס דעם פּרוואו, —
ניט בעט, ניט פרעג, ניט מאָן, ניט קלאָג,
ניט ווייז פאַר קיינעם ניט דיין טרער,
נאָר נידער שטיל צו ערד —
ווער די שטומע שווייגעניש אַליין,
און דאָס טרויער וואָרט פון איוב לייען...

און אין דיינע ווייטערדיקע טעג,
ביי דיינע שכנים מער ניט פרעג, —
ניט פרעג ביי זיי: פאַר וואָס? פאַר ווען?
אַוואו זיינען די טייערסטע אַהין?...
נאָר וויים, אַז אַלץ, וואָס טייער, ליב געווען,
וועט אויפן טאָל פון גרויל
שוין מער צום נייעם לעבן ניט אויפשטיין!

איז נעם דיין יעדן טאָג, דיין גאַנץ געביין —
און באַהעפט מיטן טרויער און זכרון
פון זייער אומשולדיקן פאַרגיין...

און, „טראַנסדניסטריע״, דער נאָמען,
וואָס איז דער סימבאָל פון פיין און יסורים,
זאָל דיר תמיד קוקן אין דיין פנים —
און פאַר די ברידער אומגעקומענע אַ זכר מאָנען...
און אויב אַ פיצל פרייד פאַרבלאָנדזשעט אין דיין שטוב,
אָדער פאַר גאווה האָסטו דיין טיר געעפנט ברייט, —
צו גרויער ערד דיין קאָפּ בייג,
און ביי די ברידער פאַרפייניקטע,
פאַר דיין גאווה און פאַר דיין פרייד,
פאַרגעבונג בעט... פאַרגעבונג בעט...

תשעה באב, תשי״א

נאַכטיקע געשפּענסטער

דוד טאַראַנדאַשן
לזכרון

אין מיין אַלקער,
וואָס ווי אַ מתים־שטיבל
ווייסט ניט פון קיין פרייד,
וואו איך, מיין טרויער,
און בענקשאַפט קוועלן זאַלבעדריט,

טראָגן זיך,
דורך טיר און דורך פענצטער
שאָטנס, אויסטערלישע געשפּענסטער —
האַלטן דורך לאַנגער נאַכט
מיין אויג אין רעגונג וואַך...

ווער איך אַ פויגל
אין שטורעם אומדערוואַרטן,
וואָס ווערט זיך קעגן די שטנ׳ס,
אין פינצטערניש געדיכטער,
אויף אים אָנגעשיקטע...

נאָר ווי אין אַ טאַנץ אַ ווילדן, אַזאַ געדריי,
יאָגן שאָטנס אויף און אָפּ —
אָט אויף סטעליע — און אָט אויף ווענט,
אָט צום פענצטער — און אָט צום טיר,
און אָט לויפן זיי אויף מיר...

הייבט אָן מיין דמיון אין מיר צו רעדן:
אפשור זיינען זיי אַהער געקומען
מיר אַ בשורה אָנצוזאָגן,
אַז ערגעץ־וואו לעבעדיק
איז מיר נאָך ווער פאַרבליבן?

אפשר זיינען זיי געקומען
מיר מיט עפּעס אָנצואווייזן,
אַז אויף די פאַרשנייטע טייגע וועגן
שפּרייזט מיין חבר
פון סיבירער תפיסה אַ באַפרייטער?

פאַנג איך אָן אויף זיי
זיך מיט נייגער איינצוקוקן,
אַ צייכן פון סודותדיקער שליחות,
הייב איך אָן אין זיי צו זוכן —
נאָר ניט קיין סימן און ניט קיין שפּור, —

אַלע געשפּענסטער, ווי פאַרגליווערט אַרום מיר...
ווער מיט פויסטן פאַרדאַרטע,
ווער מיט אויסגעשטרעקטער האַנט —
מתים־גלידער אויסגעצערטע
אין אַ צוים, אַ שוואַרצע וואַנט...

ווערט אין מיר מיין אַנגסט נאָך גרעסער,
און מיין אומעט שוואַרץ און שווערער,
איבער מיר וואַקסט און הייבט זיך,
און צעווײנט זיך אויפן קול...

ניט אַזוי האָב איך געפּאַרבט מיין טאָג

ניט אַזוי האָב איך געפאַרבט מיין טאָג,
ניט אַזוי האָב איך געטרוימט מיין ליד.

געזאָלט האָב איך גאָר זינגען
מיטן ניגון פון בעסאַראַבער גרינעם שעס,
און ס'האָט געזאָלט מיין שורה קלינגען
מיטן לשון פון איר צעבליטן ווייסן בעז...

נאָר אַז סע איז מיר אַזוי באַשערט געווען,
אַז סע זאָל מיין יעדע שורה ווערן
דער טרויער־אויסגוס פון מיינע טרערן,
און אַ יעדער מיין מעת־לעת —
איינגעפּאַסט אין יזכור־רעם,
פרעג איך איצט ביים בורא:

אויף וויפיל, אויף וויפיל שבעה־טעג
זאָל איך איינטיילן מיין קורצן וועג?...

1947

ווער בין איך ווער אַצינד?

ווער האָט דאָס דאָ
מיט אַזוי פיל צערטלעכקייט געמאָלן
דאָס גרין און גרוי,
און דינסטן זילבער־שיין
געמישט מיט ריינסטן בלוי?

וואָס טוט די פאַן דאָ,
די קופּערנע צעפּלאַמט,
מיט אַלע אירע יום־טוב׳דיקע שיינען
אויף דער אויבערפלאַך
פון שטילן, בלאָען טייך?

ווער האָט דאָס דאָ אַזוי
מיט ווייכסטע פּאַסטעל־פאַרבן,
געפירט מיט פאַרליבטע פינגער
איבער שקיעה׳דיקן ראַז?

ווער האָט דאָ כשופדיק אַזוי,
אַלץ מיט בלאָען דעמערונג באַצויגן?...
אַז בלויז נקודות צוויי פאַרגאַפּטע
זיינען איצטער מיינע אויגן...

און פון טריפנדיקן גאָלד
מיט בריענדיקן קופּער
אָנגעצונדן אויפן ראַנד פון הימל
יענעם פלאַמיק־צונטער פּאַס?

איז ווער בין איך, ווער אַצינד? —
צי בין איך איצט די אויפגעוואַכטע פרייד,
און פון רעיונות אומגעקערטע טעג?
צי בין איך איצט די פּיין אַליין? —

דאָס קול, וואָס לאָזט ניט אָפּ
און סודעט אַלץ, און סודעט שטיל:
צוויבערדיק די הימלען,
און פול מיט שיינקייטן איז אַלץ אַרום...
בלויז אָפּגעווישט — די שיינקייט פון דיין היים...
און איר קול — אויף תמיד שטום...

ניו יאָרק, יוני 1950

אַ תּפילה

מיר זאָל זיין פאַר זיי,
פאַר די אידישע קינדער,
וואָס בלאָנקען אַרום
צעשאָטענע אויף אַלע וועגן,
ווי שעפעלעך פון אויסגעשאָכטענע רינדער.

איך טו מיין גורל פרעגן,
פאַרוואָס ער האָט מיך דאָ אַוועקגעשטעלט
צו גלעטן פרעמדע, קאַלטע ווענט,
ווען דאָרטן זוכן זיי און רופן
די טרייקייט פון מיינע הענט?

נאָר שטום ליגט פאַר מיר די פרעמדקייט
און הילט מיך מיט פינצטערניש, —
שטיי איך ווידער אָפּגעזונדערט
פון דער אַרומיקער וועלט,
און שטרעק צו גאָט מיינע הענט:

צי אַרויס דיינע קינדער
פון דעם לאַנד פון אומקום,
פון דעם לאַנד, וואו אַפילו
קרייטעכצער זיינען טריפה,
ווייל זייער נאַרונג וואָרצלט
אין דעם מאַרך פון הרוגים...

דיינע קינדער שמאַכטן,
נאָר זיך צורירן קענען ניט די ליפּן
צו דער פליסיקייט, וואָס האָט איינגעזאַפּט
דעם טמאה־ריח פון דעם גוואַלד איבער אונדז,
און דער וויי־דורשט קען זיך ניט שטילן...
און צו די אויסגעצערטע מיט לאַנגע נומערן
קינדער־הענטלעך, קען קיין היילונג ניט קומען...

און די קינדער אומגעקומענע,
וויינען און זיי בעטן אַ זכר:
פון אונדזער צער דער פולסטער בעכער, —
זייער אומקום — בלייבן זאָל אַלס מחיצה
מיט די קינדער פון די שעכטער,
אויף אַלע דורות און אויף אַלע יאָרן
בלייבן זאָל עס איינגעקריצט אין אונדזער זכרון...

און איך קלאָג צו דיינע הימלען:
זאָל אַלץ, וואָס געהערט צו די שעכטער,
דער רויטער פּאַס פון שחיטה־מעסער אַרומרינגלען,
און זאָל די קללה פון הריגה
הענגען איבער זייער הימל,
און הענגען איבער זייער ערד...
אויף אַלע דורות, אויף אַלע אייביקייטן...

און מיר, אַ, העלף אַרויס, איך זאָל זוכה זיין,
מיטן כוח פון געלויטערטע, קינדערשע טרערן,
אַריבערצושווימען אַלע פאַרשטעלטע וועגן,
אַז ניט פאַרשפּעטיקט זאָל זיין מיין קומען צו זיי —
די יתומים פון אונדזערע שארית,
און איך זאָל נאָך קענען מיין לעבן אַוועקלייגן
אונטער זייערע באָרוועסע, קינדערשע פיס...

אומקער

חבר מײנער, און מײן פרײנד,
גיב מיר אָפּ דײן בעט אויף הײנט,
נאָר פיר אַרויס פון הויף און שטוב
דײנע רינדער און דײן קינד.

אַז ס׳זאָל זײ, חלילה, ניט דערשרעקן
מײן װײ־געשרײ, װאָס הײבט אָן זיך אויפצואװעקן
אין דער װאָרעמקײט פון הײם.

כ׳בין אָפּגעגאַנגען מײן דאָרן־װעג אַלײן
מיט געצוימטן װײ פון אַלע מײנע פּלאָגן.
נאָר איצט — איך פיל,
זײ הײבן אָן צו יאָמערן און קלאָגן...

איז פיר אַרויס, איך בעט, דײן קינד,
אַז ס׳זאָל זיך, חלילה, ניט דערשרעקן,
װען ס׳װעט אין מיר מײן יאָמער זיך צעװעקן.

מיך, אויף אַ װײלע לאָז אין דײן שטילער רו אַלײן,
װײל צעבײלט איז מיר מײן גאַנצער װעזן
און מײן נשמה — אַ שטיל געװײן...

VI

אויפגאַנג

וואָס פאַר אַ יחסן איז דאָס היינט געבוירן

שבת, ט״ז כסלו, תש״ה

ווער־זשע איז דאָס היינט געבוירן
נאָך לאַנגע יסורימדיקע ווייען?
וואָס טראָגן זיך פון אַלע זייטן
יובל, מזל־טוב געשרייען?...
פון אַלע פענצטער לויכטנדיקע אויגן,
פון אַלע טירן שמחות׳דיקע הענט —
ווילן האַלדזן די גאָרע וועלט...

וואָס־זשע פאַר אַ יחסן, צו מזל
און צו ברכה, איז דאָס היינט געבוירן?
אַז אויך אין מיר האָט היינט
דאָס קול פון צער פאַרשפּעטיקט,
און מיין יאוש — ערגעץ־וואו פאַרלוירן?...
עפּעס האָט אין מיר מיט פרייד געטאָן אַ ריס —
און צוויי יונגע הירשן זיינען היינט מיר מיינע פיס...

מיין רעכטע האַנט אויף וועמענס אַקסל
און די צווייטע אַרום אַ האַלדז,
און אַט וויר׳בל איך מיט אַלע
אין אַ האָראַ — יוגנטלעכן טאַנץ...
און מיין גאנצער גוף און וועזן
טראָגט זיך היינט דער פרייד אַנטקעגן...

איז קומט־זשע אַרויס... קומט אַרויס...
אָ, איר אַלע ישראלס טעכטער!
קומט אַרויס, מיט אייער שפּרודלדיק געלעכטער,
מיט אייערע שווארצע־סאַמעט אויגן, —
ווען סע איז צו ציון׳ס קינדער, —
היינט די יוגנט ניי־געבוירן...

איז קומט אַרויס... קומט אַרויס...
אי מיט טענץ... אי מיט לידער...
אין דעם שבת פון ישראל׳ס ניי־געבורט,
מיט לאַנג־געבענקטער פרייד געגורט, —
העכער דעם אַקסל... און העכער דעם קאָפּ,
האָראַ... און האָראַ... מיט עקשנותדיקן טראָפּ...

זיי מוחל מיר מיין טרער

פֿאָטער אין הימל,
זיי מוחל מיר מיין טרער
אין טאָג פֿון פֿרייד.

דאָס איז דער גאַנג
פֿון געפּלאָגטן,
וואָס קומט
פֿון זיין לאַנגן
נעוונד'ן וועג,

איז מיט יוגנטלעכן פֿלאַטער,
קען איך ניט אָפּענטפֿערן דעם רוף
פֿון לויכטנדיקער וואָר, —

וואונדן פֿון צוויי טויזנט יאָר
טראָגט נאָך מיין גוף —
גיי איך מיט ציטערדיקע טריט
און לערן איין דעם טראָפּ
פֿון נייעם טאָג...

און כאָטש כ'האָב מיט טיפֿן גלויבן
דיין חומש איינגעחזרט
אַלע מיינע טויזנטער יאָרן,

איז בשעת דו האָסט איבער אַלע מיינע פּורעניות,
מיין טאָג פֿון ס'ניי צעברויזט
מיט אַלע דיינע חומש'דיקע נצחונות,
בין איך דעם נס אַנטקעגן געקומען
מיט פֿאַרחידושטע אויגן.

נאָר פֿאָטער אין הימל,
פֿאַרחדושט שטיי איך פֿאַר דיינע וואונדער,
ניט מיט אומגלויבן, חלילה,

ס׳איז דער צווייפל פון גלויביקן,
וואָס פרעגט אָפּ זיין זכיה,
ווען ס׳גליט נאָך פון גליענדיקן אַש
דאָס שטויבל אין זיין אויג,
און איבערפילט האָט דער בליץ פון נס...

זונטיק, נאָוו. 30, 1947

מיין פרייד

דאָס פּנים פון מיין פרייד
האָט פאַרלוירן די באַשטימטע געפורעמטקייט,
ווייל ס'האָט זיך צונויפגעגאָסן
מיט דער שיין פון גאָטס ליכט...

אויך פאַרלוירן געגאַנגען
זיינען אַלע ווערטער,
ווייל דאָס לשון פון מיין פרייד
איז דאָס שטילע קול פון גלויבן...

אָן רויש, אָן קלאַנג טראָגט זי זיך,
ווייל מיין גאַנצער גוף
איז איצט אַ לייכטער זעגל נאָר...

ס'איז איצט ביי מיר שבת־פּרי,
און איך — אַ ווידערהאָלונג פון אַמאָל,
אַ זאַמלונג בלויז פון ריינע פרילינגען...

איך גיי אויפן וועג צו דער שול,
וואו עס רוט די קדושה און ליבשאַפט פון ישראל, —
שטיל און תפילהדיק מיין שמחה...

און טיף אין האַרץ ביי מיר
טריפט נאָך פון מיין צער די הייסע טרער...
און כאָטש געהויבן דעם קאָפּ
האָט דער אָנזאָג פון פרייד,
איז נאָך אַלץ מיין ווייסע כלה־קלייד
מיט שוואַרץ באַשטרייפט...

דעצ. 1948

גילדיק שפּראָצט פון אויפלעבונג די ליכט

מיין טרייסט,
וואָס איז פאַרהוילן אין דער ווייטקייט
אָפּגעשיידט פון מיר געשטאַנען,
איז איצט געקומען,
און זיך איינגעזאַמלט אין האַלדז ביי מיר
אין אַ גרויסער טרער.

איר קול,
וואָס איז מתפּלל אין יעדן אבר מיינעם,
דערגרייכט נישט קיינעמס געהער,
און אירע ליכטיקסטע ווערטער
ווערן אין רגע פון זייער געבוירן
אויף מיין צונג פאַרלוירן,

נאָר עפּעס,
שטאַרקער, שטאַרקער וויגט מיין האַרץ...
און אין דער טיפעניש
פון מיין יעדן יונגן צעל —
סע ווערט מיר עפּעס
פון דאָס־ניי מיט פריידיקייט געבוירן,

און ווי
אויף די הייכן פון די היגלען
אין אויפגייענדיקן פרימאָרגן
נאַכטיקע שאָטנס פאַרגייען,
אַזוי הייבן זיך אָן פון מיין פּנים
די שאָטנדיקע צייכנס צו פאַרלירן,

און אויפגעוואכט אויף מיינע ליפּן
שפּראָצט באַנייטער שמייכל,
ווי אין זאַרייענדיקן בלוי געבוירן,
גילדיק שפּראָצט —
פון אויפלעבונג די ליכט...

מאַי 14, 1949

צו אונדזער פאָן

אַ סימבאָל פלאַטערט אין דער הייך,
און אַזויפיל פריידן
האָבן זיך אין מיר צעשפּילט
מיט אומבאַקאַנטן כוח...

אַט וויל איך איצט אַ זעגל ווערן,
זיך טראָגן ברייט... זיך טראָגן ווייט...
איבער די טיפקייטן פון ים'ען,
און מיט ווייסן פלאַטער קומען,
ווי אַ מעווע צו דעם ברעג...

אַט וויל איך ווי אַ אינדין לויפן
אין אַ אייפערדיק געוועט
מיט אַלע יונגע פיס און הענט...
און מיין יונג־צעברויזטע פרייד,
ניט צוימען קען היינט מער...
אויף מיין ציפּער־בלאַט דער ווייזער,
וואָס מיין שעה פון טאָג באַגלייט.

און אַז עמיץ האָט פאַרשניטן
מיר מיין פליגל —
שטרעקט זיך יונג מיין האַלדז...
און אַט דערגרייך איך שוין
די לויטערקייט פון הימל...

עס וואַקסט מיין פליגל מיר אין פלי...
איך זע —
צעשפּאלטן אונטן ליגט מיין קייט
און צעבראָכן אַלע צוימען...
מיט בענקשאַפט נאָך מיין פרייען פלי
איך טראָג זיך העכער... העכער...
צו די ברייטע רוימען...

אָ, פלאַטער סימבאָל,
אין דער הייך,
מיט אַלע פאַרבן
פון מיין גלויבן...

פאַר מיין טאָג דעם לויטערן —
זינג צו מיר,
מיט אַלע זומער־טענער,
פון לאַנג געגאַרטן רעגנבויגן...

מאי 12, 1949

צום באַנייטן מיליאָן

ס׳ציט זיך דאָס האַרץ
צו זוניקער פרייד,
דאָס פנים פאַרשעמט
דרייט אויס זיך צו טונקעלן טרויער...

ס׳איז היינט מיין יום־טוב טאָג
ווייס און הייליק ווי ראש השנה,
און איך זעץ זיך ציילן
פון יאָר פאַרגאַנגענעם
ניט זיינע ניסים,
נאָר מיינע באַגאַנגענע חטאים.

דערמאָן איך זיך היינט,
אין טאָג פון באַנייטער פרייד,
אַז אין די טרויער־טעג
בין איך שבעה נאָכן אידישן דין
ניט געזעסן, —
די יום־טוב קליידער אויף זיך
האָב איך ניט צעריסן,
מיין גוף צו קאַלטער ערד
ניט גענידערט,
און אבלות׳דיק פאַרלאָזט
זיינען מיינע שיך ניט געשטאַנען...

נאָר ווײ איז צו מיר,
וואָס איז מער ניט ווי אַ פאַרטונקלטע, קליינע נקודה,
פון דעם, וואָס לעבט אייביק,
אין אַ מורא׳דיקן לקוי־חמה שפיל אַריינגעשטעלט...

ער האָט מיך מיט אַ מהומהדיקן טרויער געשלאָגן,
און אין טאָג פון מיין קלאָג,
די הימלען צעשפאָלטן מיט בליציקן נס...

און דער נביא האָט געראָפן —
אַפּווישן אַלע טרערן
און אַרויסגיין דעם ליכטיקן נס אַנטקעגן...

נאָר אויך היינט,
אין יום־טוב׳דיקן טאָג פון מיליאָן
בין איך נאָך אַלץ צעטומלט —
ווייס איך גאָרניט ווי אַזוי
איך באַדאַרף זיך אָנצוטאָן,
ווי אַזוי דאַרף איך אויסזען
אין טאָג פון זויבערער פרייד ?...
אַז מיין יום־טוב׳דיק ירושה־קלייד
האָב איך ערגעץ־וואו פאַרגעסן אויפן וועג.

נאָר גאָט מיינער,
גרויס איז מיר אַזוי דער כבוד
פון דיין ניסים ונפלאות מיליאָן...
אַז אָט איצט האָב איך זיך ווידער
אין פיל געבלעטערטן תנ״ך,
אין מיינע אַלטע תפילות אַריינגעטאָן,
כדי דאָרטן צו געפינען מיין יחוס׳דיקע טראַכט.

גיי איך איצט אַרויס דעם יום־טוב אַנטקעגן
איינגעהילט אין דעם קלייד,
פון בלעטער הייליקע און גורל אויסגעוויילט...

ס׳איז דאָס קלייד מיינס פון ווייסן ליינען צוויר
און מיט אַן אַלטן זילבער פאָדים אַדורכגעוועבט,
און מיט „ניט פאַרגעס מיך״ בלויע שטערן,
זעקס־מיליאָניקע באַדעקט,
און פון איין מיליאָן אַן אויפגעלויכטענעם —
פינקלען שטערן דאָ און דאָרט...

טראָג איך היינט דעם קרוג פון מיין צער
הויך געהויבן אויף מיין האַנט —
און לאָז זיך אָט אַזוי, אין גאולה־טאַנץ...

קומען מיר אַרויס דבורה׳ס און חנה׳ס אַנטקעגן,
ווי הייליקע אמהות אין ווייסן געקליידט. —
די מאַמעס, וואָס האָבן אַלע זייערע זין
אַ קרבן דער גאולה אָפּגעגעבן,
טראָגן היינט, אין טאָג פון מיליאָניקער פרייד,
גרינע ריטלעך און פרישע, ווייסע בלומען...

און אויף די וועגן ווייט אַרום,
איך זע — — —
מחנות אידישע צום יום־טוב קומען...

צעאַקער דאָס האַרץ

א

צעאַקער דאָס האַרץ,
און גלייך אויס די קאַרבן
פאַר דער זייאונג פון נייעם געוויקס,

מיט גלייכגעוויכט געגורט
האַלט שטייף די שאַרף פון שניט־מעסער,
ווען ס'טוט אומדרייען אירע פלאַכן די ערד
און גרייט זיך פאַר נייעם געבורט.

זע, אונטערן שניי,
טיף אין פאַרפרוירענע אָדערן האַרטע —
דאַרט צייטיקט ווייטיק זיין נס...

וואַרט, ביז ס'וועלן די זאָמען
יונגע וואָרצלען אין דער טיפקייט נידערן,
און מיט גראָזיקע פיילן שפּריצן —
פרישע גרינקייט אויף באַנייטער ערד...

ב

איז קוק אַראָפּ, קוק אַראָפּ,
צו דער ערד, צו דער שוואַרצער,
און טראָג אַנטקעגן
דאָס אייגענע האַרץ דעם אַקער.

הער זיך איין, הער זיך איין,
צו איר חכמה פּשוטער און אייביק נייער —
און ווער אַליין באַנייט
מיט איר פּשטות.

ווער אַ טייל, ווער אַ טייל,
פון איר געדולדיקייט שטילער,
און פאַרנעם מיט פריידיקייט פולער
איר נס — דאָס שפּראָצונג פון גרעזל
און אויפגאַנג פון בליט...

און פיר אַוועק, פיר אַוועק,
דאָס אייגענע לעבן,
אויף איר תמימות'דיקן שטייגער
צו אירע גרינע וועגן...

עס ליכטיקט . . .

עס ליכטיקט... עס ליכטיקט...
צווישן הימל און ערד,
דאָרט אין דער ווייטקייט, וואו זון
דעם ליכטיקן טאָג איצט געבערט.

איז שטיל... אַזוי שטיל...
אין דער שעה פון געבוירן —
ס׳האָט אַלץ זיך אין תפילה
צום בורא פאַרלוירן.

און איך ווייס ניט פון וואַנען,
און איך ווייס ניט פון וואָס,
עס צעזינגט זיך אין מיר
אַזאַ זאַנפטיקער ניגון,
אַ שטילער און ווייכער ווי גראָז...

אינהאַלט:

אַריינפירליד — 4

בילדער פון מיין שטעטל פאר׳ן חורבן

אָרט פון מיין געבוירן — 6
א בעסאַראַבער בילד — 7
ר׳ לייבס טעכטער — 9
אַ ווייס־פרימאָרגנדיקע פרייד — 10
דערינערונג — 12
יענטעלע — 14
רבי יחיאל און ר׳ מענדיק — 15
צו מיין חבר — 18
מיין מזוזה — 20
ביי אונדז אין שטעטל — 21

מיין וועג

מיין וועג — 24
די שעה... — 25
אויף קאַנאַדער פעלדער — 26
אז איך בין צו הפקר און עלנט פאַראורטיילט — 27
אַ ליד אָן אַ נאָמען — 27
אַ אידישע דינסטמיידל — 28
ניט לאָז אין גרויקייט שטיין — 29
צו ב. ד־גאָי — 30
האָט צו אייך אזוינס געטראָפן? — 31
אומגליק מיינער — 32
איך פּאַק זיך — 33
דער ווייסער פויגל — 34
האָפענונג — 35
פּאָרטרעט — 36
אויף מיין צונג אַ שטיין — 37
אינעם אכסניא־צימער — 38

אנטשוויגענע טעג — 39
שטיל איז די ליבע — 40
א.
ב.
ג. — 41
ד.
ה. — 42

ניו יאָרק

רעפלעקסן אויפן ים — 44
ביי די ראָגן אויף בראָדוויי — 46
אַ שיכור — 48
ס׳האָט מיך זייער גורל געצויגן — 49
חג הבכורים — 50
די שלום־עליכם קאָאָפּעראַטיווע הייזער — 51
דאָס רויבערל — 52
פּייזאַזש — 54
צוועלף זומערן — 55
האַרבסט — 56
די שענסטע זאַך — 57
ברוכים הבאים — 58
אונדזערע באָבעס — 59
אַ ליבעס בריוועלע — 61
אַנדערש פון אַלע אַנדערע — 63
אויף אַן עלנטער מסיבה — 64
דערוואַרטונג — 65
אין אנדענק פון טשאַרני טשעסין און עטל בראָדעצקי — 66
כ׳וועל סיי־ווי־סיי קומען צו דיר — 67
ס׳איז היינט דער טאָג מיר גרוי — 68

לאַנד פון מיין ליבשאַפט

לאַנד פון מיין ליבשאַפט — 70
פאַר מיר פון די בעסאַראַבער לאַנען — 71
איך האָב פארביטן — 73
תקיעה־שאלונג — 74
פארוואָס איך האָב דיך אַזוי ליב — 75
ביי אירע שוועלן — 76
ווען מיין האַרץ וועט זיך אין פרייד טרענקען — 78

לקוי־חמה יאָרן

א בריענדיקע לאַווע איז מיר די גאַרע וועלט — — — — — — — 80
פאַרוואַנדל מיך אין דיין דיגינקן גרעזיל — — — — — — — — 81
ס'הוליעט דער טאָג מיט פרעמדן יום־טוב — — — — — — — — 82
אָ, זאָג מיר, שטן, זאָג? — — — — — — — — — — — — — 83
צום הייליקן יאָרצייט — — — — — — — — — — — — — — 85
טראַנסדניסטריע — — — — — — — — — — — — — — — — 86
נאַכטיקע געשפּענסטער — — — — — — — — — — — — — — 88
ניט אזוי האָב איך געפּאַרבט מיין טאָג — — — — — — — — — 90
ווער בין איך ווער אַצינד? — — — — — — — — — — — — 91
אַ תפילה — — — — — — — — — — — — — — — — — — 92
אומקער — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 94

אויפגאַנג

וואָס פאַר אַ יחסן איז דאָס היינט געבוירן — — — — — — — — 96
זיי מוחל מיר מיין טרער — — — — — — — — — — — — — 98
מיין פריידן — — — — — — — — — — — — — — — — — — 100
גילדיק שפּראָצט פון אויפלעבונג די ליכט — — — — — — — — 101
צו אונדזער פאָן — — — — — — — — — — — — — — — — 102
צום באַנייטן מיליאָן — — — — — — — — — — — — — — 104
צעאַקער דאָס האַרץ — — — — — — — — — — — — — — 107
ע'ס ליכטיקט — — — — — — — — — — — — — — — — — 108